STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06329

TSVISHN TOG UN NAKHT

Ezekiel Brownstone

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראנשטיין

צווישן טאג און נאכט

לידער און פּאָעמעס

פארלאג „דער בעכער"
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

TWILIGHT

Songs and Poems by

E. BROWNSTONE

Copyright 1949
By E. BROWNSTONE
1900 North Berendo
Hollywood 27, California

הויפּט־פאַרקויף:
M. HARELICK
228 West Fourth Street
Los Angeles 13, California

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט ביי
עקאנאמי טייפּסעטינג סוירוויס,
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

לידער וועגן לידער

אַ ליד וועגן ליד —

כ׳וויים ניט ווען און ווי אַזוי
ס׳קומט צו מיר דאָס ליד,
צווישן טאָג און אָוונט-בלוי
זינגט עס און עס בליט.

כ׳זיץ באַם פענצטער שטיל אַליין
און איך שווייג, איך שטום.
קיינער, קיינער טוט מיך זען —
שטיל איז דער ארום . . .

און עס ברענט אין מיר און גליט
און איך וויים און אַז,
אַז עס זינגט אין מיין געמיט —
ס׳איז מיין ליד פאַראַן.

ס׳קומען ווערטער שטיל און הויל
מיט געבעט און קלאַנג,
זיי באַוועגן זיך ווי מאָיל
מיט אַ דין געזאַנג.

ס׳בעטן ווערטער זיך באַ מיר:
נעם אונדז אויף אין ליד! —
קלייב איך ווערטער אָן אַ שיער,
ביז זיי פאַלן מיד

יחזקאל בראָנשטיין

צו דעם ריטם פון מיין ליד
וואָס אין מיר זיך שאַפט,
און עס לויכט אין מיין געמיט
און איך בלייב פאַרגאַפט

פון דעם וואונדער פון דעם ליד,
וואָס דערהויבט מיך גלייך
ווען איך זיץ אַליין און שמיד
דאָ מיין ליד פאַר אייך.

אַ ליד וועגן לידער

לידער קומען אומגעריכט,
שפּרייטן נעצן פול מיט ליכט.
לידער קומען אומגעריכט.

לידער רופן שטילערהייט
צו אַ לעבן פול מיט פרייד.
לידער רופן שטילערהייט.

לידער שיכורן ווי ווייַן
און דערהויבן דיך פון פּיין.
לידער שיכורן ווי ווייַן.

לידער רעגן דיין געמיט
און זיי דופּטן אויך ווי צוויט.
לידער רעגן דיין געמיט.

לידער זינגען זיך אַליין.
לידער רירן ביז געוויין.
לידער זינגען זיך אַליין.

לידער תפילה'ן זיך צו גאָט.
לידער חוזק'ן מיט שפּאָט.
לידער תפילה'ן זיך צו גאָט.

לידער, לידער גרויס און קליין.
היינט ווי נעכטן — תמיד שיין.
לידער, לידער גרויס און קליין.

לידער טאָגן־אויף מיט פּראַכט
אין דעם חשך פון דער נאַכט.
לידער טאָגן־אויף מיט פּראַכט.

לידער בליען־אויף אין טרוים
ווי אין פרילינג בליט אַ בוים.
לידער בליען־אויף אין טרוים.

לידער לויכטן ווי די זון
וואו ניי־לעבן קומט נאָר אָן.
לידער לויכטן ווי די זון.

לידער ריידן צו דעם האַרץ,
ווען עס שאָטנט טויט זיך שוואַרץ.
לידער ריידן צו דעם האַרץ.

לידער רופן צו רעוואָלט,
ווען דער שונא שטיקט און גזלט.
לידער רופן צו רעוואָלט.

לידער צינדן הערצער אָן.
לידער פלאַטערן ווי פאָן.
לידער צינדן הערצער אָן.

לידער, לידער אַלערליי —
בלענדן ווי דאָס ווייס פון שניי.
לידער, לידער אַלערליי.

לידער, לידער פון אַמאָל —
ווי די טרויבן, רייף און פול.
לידער, לידער פון אַמאָל.

לידער נייע — רייף־און־שיין,
פול מיט לעבן, פול מיט חן.
לידער נייע — רייף־און־שיין.

לידער —

כ׳האָב זיך אָנגעטרונקען היינט מיט לידער —
אַ גאַנצע נאַכט אַזש ניט געשלאָפן,
גיי איך אום אַצינד אַ מידער
און איך טראָג אויף זיך די שטראָפן
פון פאַרכלינען זיך מיט לידער
ביז צום ווערן בגילופין . . .

כ׳האָב זיך אָנגעטרונקען היינט מיט לידער
און פאַריאָגט דעם חשך פון דער נאַכט,
בענק איך נאָך די לידער ווידער
כאָטש דער טאָג פון מיר איצט לאַכט,
און איך טרוים נאָך אַלץ אַ מידער
פון דעם רייץ פון רייפע לידער . . .

כ׳האָב זיך אָנגעטרונקען היינט מיט לידער —
שפּאַן איך ווי אַ דולער אום
מיט אַ זאַטקייט אין די גלידער,
און איך וואַלגער זיך אַרום
ווי אַ נעכטיקער אין נידער
אין אַ בענקשאַפט נאָך דעם צויבער פון די לידער.

לידער מיינע

לידער מיינע, ווי די פֿייגל
אין דעם פֿראָסט פֿאַרשוועכטע —
פֿרירן איצטער אין זכרון,
בעטן זיך גערעכטע

זיי צו גיבן דאָ אַ תּיקון
באַ דעם ליכט פֿון אויפֿגאַנג,
וואָס האָט איצט דאָ אויפֿגערויטלט
אומגעריכט אין רויטגאַנג

פֿון מעת לעתן, מיד און לאַנגע
אויף דער ערד דער קאַלטער,
וואָס האָט דאָ ערשט אויפֿגעיינגלט
ווי אַ בוים אַן אַלטער . . .

צו אַן אומבאַקאַנטן פֿאָלקס-דיכטער

דײַן ליד גייט אַרום אין געשטאַלט פֿון אַ קינד
וואָס פֿרעמד איז אים שקר און פֿרעמד איז אים זינד —
דײַן ליד גייט אַרום אין געשטאַלט פֿון אַ קינד.

דײַן ליד איז דער טוי פֿון באַגינען אין פֿעלד,
אַ קינד וואָס האָט ערשט אויף די פֿיס זיך געשטעלט —
דײַן ליד איז דער טוי פֿון באַגינען אין פֿעלד.

דײַן ליד איז די קרוין פֿון דעם טאָג וואָס איז שיין,
אַ קינד וואָס באַוועגט זיך מיט רייץ און מיט חן —
דײַן ליד איז די קרוין פֿון דעם טאָג וואָס איז שיין.

דײַן ליד איז דער אָנהויב באַם סוף פֿון דעם טאָג,
אַ קינד וואָס וויל קיינמאָל נישט וויסן פֿון קלאָג —
דײַן ליד איז דער אָנהויב באַם סוף פֿון דעם טאָג.

דײַן ליד איז דער אויפֿבלי פֿון מאָרגן באַם ראַנד,
אַ קינד וואָס באַוועגט זיך מיט אימפּעט און שפּאַנט —
דײַן ליד איז דער אויפֿבלי פֿון מאָרגן באַם ראַנד.

דײַן ליד איז דער גייער וואָס ווייסט נישט פֿון רו,
אַ קינד וואָס רעדט תּמיד מיט יעדן פֿער דו —
דײַן ליד איז דער גייער וואָס ווייסט נישט פֿון רו.

דיין ליד איז דער וויינשטאָק וואָס וואַקסט אין דער הויך,
און זעטיקט מיט זון זיך און רייצט מיט זיין כח —
דיין ליד איז דער וויינשטאָק וואָס וואַקסט אין דער הויך.

דיין ליד איז דער אויפבלי פון רויז אין דעם טאָל,
אַ קינד וואָס זינגט שירה צו אַלץ מיטאַמאָל —
דיין ליד איז דער אויפבלי פון רויז אין דעם טאָל.

דיין ליד איז די פּרי וואָס רייפט אין דער זון,
אַ קינד וואָס קומט אַלעמאָל, אַלעמאָל אָן —
דיין ליד איז די פּרי וואָס רייפט אין דער זון.

דיין ליד איז דאָס וואַסער וואָס קוועלט אָן אַ סוף,
אַ קינד וואָס שפּאַנט תמיד אַראָפּ־און־אַרויף —
דיין ליד איז דאָס וואַסער וואָס קוועלט אָן אַ סוף.

דיין ליד איז אַ תפילה וואָס זאָגט זיך אַליין,
אַ קינד וואָס לאָזט תמיד פון יעדן זיך זען —
דיין ליד איז אַ תפילה וואָס זאָגט זיך אַליין.

דיין ליד איז דער שאָטן פון דיר אויף דער ערד,
אַ קינד וואָס ווייסט קיינמאָל וואָס אים איז באַשערט —
דיין ליד איז דער שאָטן פון דיר אויף דער ערד.

צווישן טאָג און נאַכט

אַ האַספּער

עס שלאָגט זיין האַרץ מיט פרייד און ליבשאַפט
און ער חלומ'ט בלויז פון פרידן,
ער איז דער מענטש פון היינט־און־מאָרגן
און איז שטאָלץ מיט זיינע יידן.

ער איז דער זעער פון דער צוקונפט
און עס איז אים פרעמד דער אומעט.
ער איז דער דאָרן אין דעם מדבר
וואָס ברענט אייביק — אַ נר תמיד . . .

ער לאָזט זיך פייניקן פון יעדן
און אויך לעסטערן זיין נאָמען;
עס הערט אים זעלטן ווער דאָ רעדן
באַ זיין גיין און ווידער קומען . . .

און ווען עס איז אַ קרבן נויטיק,
די פּחדנים לויפן, פליען —
אין ערשטער ריי מען זעט אים מוטיק
און מיט גרייטקייט ברענען, גליען . . .

און כאָטש ער שטאַרבט מיט אַלע טויטן
און יעדער מיינט: ער איז נישטאָ;
און כאָטש מען זעט אים אַ פאַרבלויטן
אין דער שוואַרצסטער אָוונט-שעה —

באַווייזט ער זיך אַלעמאָל ווידער
אין אַ שפּאָגל-ניי געשטאַלט,
און עס זינגען פּאָעטן לידער
פון דעם וואָס לעבט מיט געוואַלד . . .

יחזקאל בראָנשטיין

מאַרטירער

מיר זיינען די מאַרטירער
פון אַ דור אַ גרויסן,
די אייביקע מאַרשירער
אין רייען — פונדרויסן,
וואָס האָבן ניט קיין פירער —
קיין משה קיין גרויסן . . .

מיר ווערן בלויז געטריבן
פון אַ ווילדן שונא,
וואָס האָט אונדז אויסגעקליבן
צו טויטן אין בוינע,
אַזוי ווי ס׳האָט פאַרשריבן
אין בוך אונדזער שונא.

מיר ווייסן פון קיין טאָג ניט,
מיר לעבן בלויז מיט נאַכט;
מיר זיינען ווי אַ קלאָג־ליד,
פאַר קיינעם ניט געדאַכט —
וואָס גלגול׳ט אויף מיט צאָרן
און ווערט בלויז אויסגעלאַכט

פון שונא דעם מנוול,
וואָס ווייסט ניט פון קיין ליכט
וואָס שפרייט זיך אוים מיט חסד,
באַשיידן — אומגעריכט,
ווי די זעאונג פון דיכטער
אין לויטערסטן געדיכט. —

מיר זיינען די מאַרטירער
פון אַ גרויסן דור
וואָס האָבן ניט קיין פירער
און מאַרשירן נאָר
צום טאַקט פון רשע־פירער
פון אַן אומקום־דור . . .

. . . ביסט נאָענט צו דעם הימל
און ווייט פון דער ערד,
נאָר בלינד צו דעם גורל
וואָס דיר איז באַשערט.

אין דעם טאָג פון דיין גאולה

אין דעם טאָג פון דיין גאולה,
אין דעם טאָג פון גרויסער פרייד —
זאָל זיך הערן אויך מיין שטימע
צווישן פאָלק וואָס לעבט און זעט

ווי עס זוניקט-אויף דיין מאָרגן
אין אַ וועלט פון רויב-און-שאַנד,
ווי עס קעמפן ווי די לייבן
פאַר דעם כבוד פון דיין לאַנד

דיינע זין און דיינע טעכטער
אויף די פראָנטן אַלערליי,
היינט און מאָרגן, פונקט ווי נעכטן —
פאַר אַ לעבן שטאָלץ און פריי.—

אין דעם טאָג פון דיין גואלה
זאָל אויך שאַלן הויך מיין ליד,
אין אַ לויב — צו דער גבורה
פון מאָדערנעם מענטש-און-ייד.

דו ביסט אַ ייד

די נאַכט איז לאַנג
און דו ביסט מיד,
די וועלט איז קראַנק —
דו ביסט אַ ייד.

און כאָטש די נאַכט
מיט איר געמיט
פאַרפאָלגט מיט שרעק
דעם מענטש, דעם ייד —

הויב-אויף דיין קאָפּ
און שפּאַן פאָראויס,
אַ ייד זיין מיינט:
זיין שטאָלץ און גרויס.

זיי תמיד גרייט
צו גיין פאָראויס,
ווייל ייד זיין מיינט:
זיין שטאָלץ און גרויס . . .

יחזקאל בראַנשטיין

זעלנער און באַנען

באַנען גייען,
באַנען קומען;
אויגן ריידן,
אויגן שטומען.

רעדער קלאַפּן,
הערצער שלאָגן
מיט בטחון
אין דעם טאָגן.

זעלנער קומען,
זעלנער גייען.
ווער באַזונדער,
ווער אינצווייען.

טאַטעס, מאַמעס,
שוועסטער, ברידער.
יונגע כלות —
רייפע לידער.

אַלע איילן,
אַלע זשומען,
און פאַרווײילן
די וואָס קומען:

זעלנער יונגע
הויך־און־שיינע,
אין מונדירן
ניי און ריינע.

אין חלום לעב —

אין חלום לעב און זע פאַרגעם
אין זיך אַליין ווי אין אַ מת
וואָס ס'האָט די ערד אים צוגעדעקט
און פון זכרון אויסגעמעקט,
און חלום זיך אויפסניי דאָ אוים,
דערהויב זיך ווידער צו דיין גרוים —
און וואַרף־אַראָפּ פון זיך דעם שטויב
פון עבר, און זיך־אַליין דערהויב
און באַניי זיך ווידער, ווידער,
מיט דער הויט פון נייע לידער,
וואָס זינגען זיך פון זיך אַליין
אין לויב צו אַלץ וואָס ניי איז, שיין . . .

פאַרגעם אין דעם וואָס איז געווען,
און זאָל דאָ מער שוין נישט געשען
וואָס איך־און־דו האָב דאָ געזען . . .
און זע זיך בלויז — אַ קינד מיט חן,
וואָס טאַנצט אין זון אַליין מיט פרייד
און ווייסט ניט צי ס'איז פרי צי שפּעט,
און פּאַטשט מיט הענטלעך אוים זיין גליק
אין זיין גאַנג פאַראוים־און־צוריק,
און ווייסט אפילו נישט צי ער
געקומען איז צו אונדז אַהער
פאַרנעמען אונדזער אָרט אַ דאָ,
ווען איך און דו בין מער נישטאָ . . .

י ח ז ק א ל   ב ר אָ נ ש ט י י ן

אין חלום לעב דו נאַר, דו נאַר! —
פאַרגעס דיין יאָך, פאַרגעס דיין צער;
ביסט קיינמאָל דאָ גאָר ניט געווען,
די שאַנד פון דור האָסט ניט געזען . . .
דיין וועג פאָראויס איז פריי־און־ניי,
און פרעמד איז דיר פון בלוט דער שפיי . . .
דיין שפאַן איז דרייסט — דו ביסט געוואַגט,
און פרעמד איז דיר אַ טיר פאַרהאַקט . . .
דו שפאַנסט אין ליכט — דער טאָג אַליין,
און פרעמד איז דיר וואָס ס'איז געווען . . .
און וואויל איז דיר און וואויל און וואויל,
ווייל פרעמד איז דיר פון נאַכט די גרויל . . .

אין שפאַן

שפאַן זיך איין אין אַלטן וואָגן
מיט די נייע יאָכן,
לאָז אין שפאַן זיך יאָגן, טראָגן
מיט די טעג און וואָכן.

טראָג די אַלטע פאָן אַ שטאָלצער
מיט באַנייטן ווילן,
ווער עס שטעלט זיך דיר אַנטקעגן
דעם זאָלסטו פאַרשטילן

מיט דעם כח פון דיין ווילן
וואָס איז דיין באַגלייטער
אויף די וועגן פון דיין גלות,
אין דער צייט דער ווייטער.

אני מאמין

איך בין דער מענטש וואָס גלויבט
אין דעם מענטש וואָס איז דאָ,
כאָטש איך ווייס אַז צעשטויבט
ווערט אַפילו די שעה
אין וועלכער עס קוואַליקט
מיט גלויבן און מיט מוט
דיין לעבן וואָס גאַליקט,
ווען דיר איז ניט גוט.

איך בין דער מענטש וואָס שוימט
און שפרודלט מיט דער פרייד
פון גלויבן, און ער טרוימט
פון דעם וואָס קומט און גייט
דרייסט דעם טאָג אַנטקעגן,
שפרייט ליכט מיט פולער האַנט
איבער אַלע וועגן,
און שפאַנט פאַראויס און שפאַנט.

מיר ווען מער נישט שטאַרבן —

מיין טאַטע וועקט מיך אָפּט פון שלאָף
און רופט מיך גיין שפּאַצירן:
אַ קום מיין זון, איך הער זיין רוף —
און לאָז פון מיר זיך פירן.

אַ קום מיין קינד און זע אליין
דעם אַקט פון די יונים,
זאָל גאָט־און־מענטש שוין קיינמאָל זען
דעם שונא׳ס קוילער־פּנים.

ס׳איז אונדזער גאַס נישט ווי אַמאָל,
ס׳איז מער נישטאָ קיין יידן! —
ס׳איז אַלץ דאָ טויט, אַ טרערן־טאָל —
און עשו איז צופרידן . . .

דאָס שטעטל איז פון לאַנג שוין טויט,
ס׳איז אַלץ שוין דאָ פאַרגעסן;
עס פוילט דאָ אויף דעם פעלד דאָס ברויט —
מיר דאַרפן מער נישט עסן . . .

עס וואוינען הינט אין אונדזער הויז,
זיי טוען וואָס זיי ווילן!
אַ זאָרג זיך נישט — עס מאַכט נישט אויס,
ס׳וועט אונדזער בלוט נישט שטילן . . .

צווישן טאָג און נאַכט

מיר האָבן דאָ אַ נעסט געהאַט,
געשאַפן און געליטן;
מען האָט אונדז דאָ מיט גאַל פאַרשפּאַט,
אויף רענדלעך אויסגעביטן . . .

מיר האָבן זיך צום טויט געפּלאָגט
אין אַלע ערגסטע תּפיסות;
מען האָט אונדז ווי די הינט געיאָגט,
געטויט מיט אַלע מיתות . . .

ס'האָט אונדזער גאָט דאָס אַלץ געזען
און טויב צו אונדז פאַרבליבן,
און וואָס ס'איז דאָ מיט אונדז געשען
מיט בלוט האָט זיך פאַרשריבן

אויף שטומער ערד פון זיך אַליין,
אויף תּמיד צו געדענקען:
די וועלט איז טויב צו אונדז געווען —
זאָל יעדער עס געדענקען. —

אַ טויטע שטילקייט הערשט אַרום,
מיין טאַטע שטייט און ציטערט;
מיר ווילט זיך ריידן, איך בין שטום —
ער קוקט אין ווייט פאַרביטערט.

אַ שאָטן שפּרייט זיך פּלוצים אויס,
ער דעקט מיין טאַטן איבער.
איך קוק זיך אום — איך בין אַליין
צעווישן חורבות, גריבער . . .

פון טיפער ערד אַ קול זיך הערט:
מיר וועלן מער נישט שטאַרבן!
דאָס לעבן ווימלט זיך און מערט,
און לאָזט זיך ווידער אַרבן . . .

יחזקאל בראנשטיין

אַלע מיתות —

אַלע מיתות פון דער ערד
האָבן מיך געטראָפן;
איך האָב מיט כח זיך געוועהרט
און פון טויט געלאָפן.

עס האָט די ערד געציטערט,
מיט בלוט זיך באַגאָסן —
און דער מענטש האָט פאַרביטערט
מיט גאַל מיך באַשאָסן . . .

ס'האָט דער הימל גערעגנט
מיט פייער און מיט בליי,
דער טויט האָט מיך באַגעגנט
אַלעמאָל אויף דאָס ניי . . .

און געיאָגט מיך אָן אויפהער,
מיט אימפּעט געטריבן —
און אַ נייע מגילה
מיט בלוט אויפגעשריבן . . .

מיר איז שווער צו זינגען —

מיר איז שווער צו זינגען אין אַ צייט אַ שלעכטער.
אַז רשעות זיגט איז אויך גאָט נישט קיין גערעכטער . . .

איך שווייג-אוים מיין צער פאַר זיך אַליין, אַליין.
דער איינזאַמקייט איך שענק מיין טרויער און געוויין.

איך מייד-אוים דעם דרויסן, טרעף זיך נישט מיט קיינעם;
זאָל קיינער ניט וואָגן מיין טרויער פאַרשעמען! . . .

באַטאָג, און אויך באַנאַכט — פאַרשעלט איך מיין געביין,
פאַר דעם וויסטן גורל צו הערן דאָס געוויין

פון מיין פאָלק, פון דער וועלט וואָס גייט איצט באַרג-אַראָפּ —
און קיינער, ניט מענטש און אויך נישט גאָט — שטעלט עס אָפּ.

אין פייער און אין פלאַם, אין דעם געוויין פון בלוט —
ליגט איצט ניט-דערקוילעט דער מענטש און אויך זיין מוט,

און רעוועט ווי אַן אָקס, פאַרשעלט זיך זיין געביין,
און וויל פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט אונטערגיין . . .

אַלע טאָג, אַלע טאָג ווידערהאָלט זיך די שפּיל
פון חרוב'ן לעבן, וואָס חרוב'ט אָן אַ ציל.

יחזקאל בראָנשטיין

די האַנט וואָס האָט געזייט, געאַקערט, געשניטן,
די האַנט וואָס האָט מדבר אויף בליאונג געביטן —

די האַנט וואָס האָט הימנס געשריבן צום לעבן,
דער שיינקייט מיט ליבשאַפט זיך אַוועקגעגעבן —

דיזעלבע האַנט פאַרראַט איצט זיך אַליין אין שלאַכט:
זי פאַרשעמט איצט דעם טאָג און צווינגט אַרויף די נאַכט

אויף זיך, און אויך אויף אונדז, און אויף דער גאַרער וועלט,
און ווישט אָפּ דעם סדר וואָס האָט זיך איינגעשטעלט

פון דורות און דורות ווי אַ ריזיקע בריק,
וואָס האָט דעם מענטש פון נאַכט געפירט צו טאָג און גליק . . .

די רשעות מאַרשירט איצט פון נאָענט און פון ווייט,
פאַראומריינט, פאַרגוואַלטיקט ליגט דאָס לעבן און שרייט,

וויינט און מאָנט, און בלוטיקט און רעוועט אָן אויפהער:
נקמה זאָל ווערן גענומען, מענטש — איך שווער!

ממעמקים

איך רוף צו דיר באַנאַכט,
אין זון־ליכט אויך באַטאָג:
באַפריי מיך פון דעם יאָך,
פאַרטראָג מיך און פאַריאָג . . .

טו אָפּ פון מיר די לאַסט,
וויש אָפּ פון מיר דיין הויך;
דאָס לעבן צאַנקט און בלאַסט,
פאַרגייט אין פיין ווי רויך . . .

די רשעות שפּאַנט פאָראויס,
און שטראָפט מיט בייזער האַנט;
דער רשע ווערט איצט גרויס
און לאַכט פון דעם וואָס זאַמט . . .

איך רוף צו דיר פון ווייט,
מיין בלוט־געוויין פאַרנעם;
דאָס לעבן ווייַנט און שרייט —
דאָס לעבן ניט פאַרשעם! . . .

ריים־אויף די ערד און זינק,
און מאַך צו אַלץ אַ סוף:
זאָל פאַלן אַלץ און פלינק
אַראָפּ און אויך אַרויף . . .

יחזקאל בראָנשטיין

ביז אַלץ וועט אין געמיש
פאַרווישן יעדן שפּור
פון אַל דאָס בייז און שלעכטס,
פון אַלע וויסטע יאָר.

און אויפשטיין וועט אויפסניי
אַ נייער מענטש — אַ העלד,
און לעבן וועט ער פריי,
ווי בוים און גראָז אין פעלד.

און שיינען וועט די זון
פאַר אַלעמען צו גלייך,
און קיינער וועט ניט מער
זיין אָרים און ניט רייך.

און יעדער וועט זיין זאַט,
אויך דו און איך און ער;
און קיינער וועט קיין שווערד
שוין אויך ניט שאַרפן מער.

און חבר'ן וועט זיך
אַ לעמל מיט אַ בער;
ס'וועט קיינער נישט וויסן
פון האַס און קנאה מער.

דאָס לעבן וועט ווידער
אויפסניי זיך צוגרינען;
גן עדן פון נידער
וועט האָבן אַ זינען.

מיר

מיר וואָס בויען און שאַפן
מיט שוויס פון אונדזערע הענט,
שטייען פאַרשעמט און גאַפן
פון גולם וואָס ברענט און שענדט.

מיר וואָס האָבן דערהויבן
דעם מענטש צו זיין גרויס און הויך,
צווייפלען מער ווי מיר גלויבן
און לייזן זיך אויף ווי רויך . . .

מיר וואָס בלענדן מיט שיינקייט,
באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט —
ווערן דערפירט צו קליינקייט,
מיט כח פון פויסט, געוואַלט.

מיר וואָס האָבן באַוויזן
צו צוימען דעם ים און לופט,
ווערן פון אייגענער האַנט
אָן אויפהער געדריקט, געשטראָפט.

מיר וואָס האָבן דעם קיילעך
פון דער ערד אַזוי באַזיגט,
האָבן שוין מער נישט קיין רו
און ווערן באַהערשט, דערשטיקט . . .

דאָס געזאַנג פון אונדזערע טעג

עס רוקט זיך אויף אונדז אָן די נאַכט פון אַלע זייטן,
די רשעות לויערט איבער אונדזערע קעפּ
און בייטשט אָן אויפהער ביז צו פּיין;
עס ווילט זיך דעם טאָג אויף דער נאַכט נישט פאַרבייטן,
עס ווילט זיך נישט פאַלן צום טאַקט פון קלעפּ —
עס וויל און ווילט זיך אייביק זיין!

עס יאָגן זיך כמאַרעס מיט אַזאַ ווילדן אימפּעט
און שפּרייטן חשכות איבער אַלע ראַנדן,
פאַרשטעלן דעם וועג צו דעם טאָג;
עס רעגנט דער הימל מיט שנאה און מיט צאָרן,
מיט פייער-און-פלאַם אַקערט זיך אויף די ערד! —
דער געבאָט פון דעם טאָג איז: ש ל אָ ג !

שטאָלצן מיר אויף פון דער נידער מיט פאַרריסענע קעפּ,
מיט רוקנס אויסגעגלייכטע, אין אַ פאַרמעסט
אויף לעבן און טויט אויף דער ערד;
מיר ווילן דאָ נישט שטאַרבן, ווי פּחדנים פאַלן —
מיר ווילן דאָ לעבן אין אייגענער נעסט! —
אַ טויט זאָל פאַלן דער וואָס שטערט!

פון נאַצי-לאַנד אַ גרוס *)

פון נאַצי-לאַנד
וואו רשעות הערשט,
גייט-אויף די שאַנד
פון זיין באַהערשט.

עס הערשט דער כאַס,
עס קנאַלט די בייטש:
ס'איז נאַצי סתם
קיין מענטש — בלויז דייטש...

דער טאָג צורינט
אין שוויים און בלוט;
ס'איז קרבן — קינד,
ס'איז קרבן — מוט.

און דייטש איז היינט
פון טויט די קרוין;
פון אַלץ דער פיינט —
געקליידט אין ברוין . . .

דאָס לעבן פאַלט
ווי סנאָפּ אין פעלד,
דאָס לעבן גאַלט,
נאָר נישט די וועלט . . .

ער רוקט די צייט
צוריק, צוריק;
דער טאָג ווערט ווייט,
די נאַכט — אַ שטריק.

ס'איז יונג און אַלט
דאָרט הפקר גלייך;
דער טויט — ער שאַלט
אין דריטן רייך.

דאָס לעבן גרוילט
מיט גרויל און שרעק,
דאָס לעבן פוילט
אויף נאַצי-וועג.

---

*) „אַ צוועלף יאָריק פּויליש יינגל האָבן די נאַצים הינגעריכטעט אויף דער קלאַגע, אַז ער האָט געוואָלט מאַכן אַ רעוואָלוציע. דערציילט די נאַצי-צייטונג אין וואַרשע — 'וואַרשעווער צייטונג'.“ — נאָוועמבער 20, 1940.

יחזקאל בראָנשטיין

און דער וואָס בלייבט
און גוסס׳ט שטיל,
מיט בלוט פאַרשרייבט
אויף וואַנט און דיל

דעם סוף פון טאָג
אין נאַצי־לאַנד:
די רויב און פּלאָג,
די פּיין פון שאַנד...

און דער וואָס הענגט
אויף תליה דאָרט,
דעם נאַצי קרענקט
און וואָרנט פאָרט

מיט טאָג וואָס קומט
מיט קראַפט פון ווינט,
כאַטש אַלץ דאָרט שטומט
ווי גוף פון קינד

וואָס וויגט זיך קאַלט
אין ווינט אַליין,
און רירט שוין באַלד
ניט מענטש, — נאָר שטיין...

און דער וואָס הענגט
און שיסט, און רויבט —
אַליין שוין בענקט
צו זיין באַרויבט,

און טיילן גליק
פון דעם וואָס הענגט
אין ווינט אויף שטריק
און שרייט: געדענקט!...

וואַרף אַראָפּ אויף מיר דעם פאָרהאַנג,
זאַמל איין מיך אין דיין שלאָף —
איז די תפילה פון מיין האַרצן,
פון מיין בלוט דער הייסטער רוף.

אין נעכט פאַרשוועכטע —

אין נעכט פאַרשוועכטע, ליג איך וואַכזאַם אויף מיין בעט.
איך זע דאָ ווען, ווי ער שטייט פאַר מיר און רעדט.

איך קען אים גוט, ער איז מיר היימיש און נאָענט —
ער צאָרנט מיט טענות, דין וחשבון ער מאָנט

פון מיר, זיין ברודער, וואָס האָט זיך דאָ פאַרקליבן
און ווי אַ זכר פון זיין שטאַם דאָ פאַרבליבן . . .

מיין ליד

מיין ליד גייט פאַר׳יתומ׳ט אַרום אויף דער וועלט
וואָס חרוב׳ט מיט אומגליק אויף אַלע וועגן
און נעמט־אויף דעם צער וואָס גליוועט און וועלקט,
מיט אַן אָפן פנים דער וועלט אַנטקעגן.

מיין ליד גייט איצט נאַקעט אַרום אויף דער וועלט
און לאָזט זיך מער פון קיינעם נישט דערקענען.
און כאָטש ס׳איז שטיל, גאַלט די שנאה נאָך און שעלט,
און די ערד אונטער מיר טוט אַלץ נאָך ברענען.

יחזקאל בראַנשטיין

אויף וועגן —

אויף וועגן אומבאַקאַנטע
מיר יאָגן זיך אַרום;
מיט נסים נישט-געאַנטע
מיר בלוטיקן דאָרט שטום.

און כאָטש עס טרעפט אונדז קיינער,
עס זעט אונדז גאָט אַליין! —
מיר רירן הערצער — שטיינער,
מיט אונדזער בלוט-געוויין.

פאַר אונדזער חרוב לעבן

פאַר אונדזער חרוב לעבן,
פאַר אונדזער אומגליק — גרויס,
מיר וועלן נישט פאַרגעבן
מיט שטומען גלייכגילט בלויז.

מיר וועלן נישט פאַרשווייגן
די שאַנד פון אונדזער דור,
זיך מערן בלויז און שטייגן
און לעבן אויף דער וואָר. —

אין לבנה־שיין באַנאַכט

אין לבנה־שיין באַנאַכט
גיי איך דאָ אַרום ווי דול,
מתים טאַנצן אומבאַוואַכט —
ס'איז די גאַס מיט זיי דאָ פול.

אַלע — אַלע זיינען גלייך:
מיאוס און אַלט, יונג און שיין.
ס'איז ניטאָ קיין אָרים, רייך,
קיינער איז ניט גרויס צי קליין . . .

ס'האָט די נויט זיי אויסגעפּרעסט
און די שאַנד זיי גלייך געמאַכט,
ס'האָט איין שונא זיי פאַרגאַזט
און זיי אַלעמען פאַרלאַכט . . .

טאַנצן זיי אַצינד אַרום
מיט אַ לעסטערונג אין מויל,
כאָטש זיי ריידן ניט און שטום
זיי באַוועגן זיך מיט גרויל . . .

ס'איז אַמאָל אַ גאָט געווען
וואָס האָט זיי פון אַלץ פאַרהיט,
האָט ער פּלוצים גאָר אַליין
הינטערוועגנס זיך פאַרשפּילט

יחזקאל בראָנשטיין

צו אַ מולך פון דער נאַכט

וואָס איז בלויז אין בלוט פאַרליבט,
האָט ער פּלוצים אויסגעטראַכט
מיתות מאָדנע, און געניט

און שטרענג זיי אַדורכגעפירט
אויף גרויס און קליין, יונג און אַלט,
און אויף תמיד זיך פאַרשמירט
מיט דעם בלוט פון קדושים, קאַלט . . .

האָט דאָס בלוט דעם גאָט פאַריאָגט
פון דעם מענטשנס האַרץ א דאָ,
און מיין אייגן האַרץ מיך פּלאָגט
אין דער גורל׳דיקער שעה

אין דעם לעבן פון מיין פאָלק
וואָס גייט אָפּ מיט בלוט, מיט בלוט,
און אַ דולער גיי איך אום
און איך האָב גאָרניט קיין מוט

אַליין זיך צו באַנייען
אונטער דיינע הימלען — גאָט!
פון קאָשמאַר זיך באַפרייען
און ניט וויסן מער פון שפּאָט.

מיר באַוויינען נישט די טויטע

מיר באַוויינען נישט די טויטע
מיט אל מלא רחמים,
מיר רייסן נישט קיין קברים
איבער אונדזער קברים׳לאָזן פאָלק,
נאָר —
מיט דער גבורה פון אונדזער קיום
גייען מיר פאָראויס
צו אַ לעבן גאָר אַ נייעם,
מיט ריזיקע טריט, מיט כח און מוט —
און שטורעמען אויף די הימלען
מיט אונדזער בלוט וואָס שרייט:
ב ד מ י ך ח י י !...

יחזקאל בראָנשטיין

דיין צאָרן

זאָל דיין צאָרן זיך קיינמאָל נישט שטילן,
ווי אַ דאָרן ברענען אין הארץ פון דער וועלט!
דו זאָלסט מיט גלויבן זיך איבערפילן,
קיינמאָל פאַראַדירן ווי אַ יון פאַרשטעלט!

לערן זיך באַם שטראָם פאָראויס מאַרשירן,
און לאָז זיך נישט צוימען פון קיינעמס האַנט;
זאָל דיין גבורה אַליין דיך פירן
אין אויסגע׳חלומ׳טן און וואָרן לאַנד.

באַ דעם אָפּענעם קבר —

באַ דעם אָפּענעם קבר פון אונדזערע פאַרמאָרעטע קדושים
שווערן מיר און זאָגן:
זאָל די רעכטע האַנט אונדז דאַרן,
זאָל די צונג אין מויל זיין טרוקן
אויב מיר וועלן זיי פאַרראַטן און פאַרגעסן;
אויב מיר וועלן באַם שלאָף-און-באַם עסן
נישט געדענקען דאָס רשעות פון דער וועלט,
וואָס האָט מיט גלייכגילט צוגעזען
וואָס מיט אונדז איז געשען,
און פאַר ווייטיק און שאַנד
נישט אויפגעהויבן קיין האַנט
און נישט אויפגעצאָרנט מיט אַ הויך-געשריי
און אַ הויך-געוויין:
ת מ ו ת נ פ ש י ע ם פ ל ש ת י ם !...

יחזקאל בראָנשטיין

דייטשלאַנד

בײַ די אָפֿענע קבֿרים פֿון אונדזערע קדושים די פֿאַרשטאַרטע
רעוועז מיר און זאָגן:
מיר וועלן זיך פֿון קײנעם נישט לאָזן פֿאַריאָגן!

מיר וועלן זיך מערן
ווי אין הימל די שטערן
און ווי דאָס זאַמד בײַ אַלע ים׳ן,
און קיינמאָל פֿון קיינעם זיך נישט לאָזן צאַמען!

און וואו מיר וועלן גיין
און וואו מיר וועלן קומען,
וועלן מיר אָן אויפֿהער אייך אייביק דערמאָנען
אין די מעשׂים פֿון אײנעם אַזאַ לאַנד
וואָס רופֿט זיך: ד י י ט ש ל א נ ד . . .

דער מענטש

איך בין דער מענטש וואָס שפּאַנט פאָראויס
מיט ריזיק־גרויסע טריט;
דער טאָג איז קיינמאָל נישט צו־גרויס,
און מיינע פּיס — נישט מיד . . .

איך שפּאַן מיט טאָג אַוועק פון נאַכט
און זון־זיך־אויס מיט פרייד;
מיין אומעט ווערט אַוועקגעלאַכט
מיט זין פון חכמ׳ס רייד . . .

עס איז די ערד מיין טיש און בעט,
מיין אומרו און מיין רו;
עס שפּייזט די ערד מיך ביז צו זעט
און דעקט מיך שפּעטער צו . . .

יחזקאל בראָנשטיין

דער שאָטן

קעגנאיבער מיין צוקאָפּנס,
אין שאָטן פון אַ בוים —
גרינט די זעאונג פון מיין לעבן
און ס'הערן טריט זיך קוים.

אין אַ שפּעטער שעה, באַנאַכט —
ווען איך ליג אויף מיין בעט —
באַוועגט דער ווינט דעם שאָטן
און איך הער ווי ער רעדט:

דער וואָס אַנט און גאַרט מיין קומען,
זאָל עפענען זיין טיר;
ווער ס'איז גרייט מיך אויפצונעמען,
זאָל זיין געבענטשט פון מיר.

דער הײַנט

גערבונדן ליגט דער הײַנט אין אַ תפיסה,
און יאָמערט ווי אַ גוסס שטום:
„פֿאַר די זינד פֿון אבות קומט מיר מיתה, —
איך וועל שוין קײנמאָל ניט זײַן פֿרום.״

געבראָכן ליגט דער הײַנט דאָ אין דרײַען,
און חלומ׳ט די זעאונג פֿון סוף:
„ס׳וועט דער טויט דיך אַלצאײנס נישט באַפֿרײַען,
וועסט סײַ־ווי נאָך שטײגן אַרויף.״

אין גרויע פרימאָרגנס —

אין גרויע פרימאָרגנס
טרויערט די וועלט,
דער מענטש איז פאַרשאָטנט —
לעבט ווי פאַרשטעלט . . .

דאָס לעבן באַוועגט זיך
פויל, מאָנאָטאָן,
קיין בשורות קיין גוטע
זאָגט עס נישט אָן.

און דו אין דיין אומעט —
באַוועגסט זיך קוים,
ווי הינטער דיין פענצטער
דער טויטער בוים . . .

די טעג —

עס גייען די טעג מער נישט אויף מיט געזאַנג,
דאָס לעבן — ווי איך — איז נערוועז און איז קראַנק.

עס רעגנט דער הימל מיט סם און מיט שרויט,
און צאָרנט אָן אויפהער מיט אַנזאָג אויף טויט.

עס וויינען די טעג אָן אַן אויפהער מיט בלוט
אַנטקעגן דעם אויפפלאַם פון חיה׳שן מוט

וואָס טראָגט זיך מיט וואַנזין די טעג אַנטקעגן,
און ברייננגט מיט זיך חורבן אויף אַלע וועגן.

ס'וועט קיין רעגן היינט נישט גיין

דער הימל כמארעט זיך מיט אָנזאָג אויף רעגן,
נאָר די שטיפעריין, די זון — שמייכלט ערגיץ זוניק
אונטער דעם צודעק פון אַ וואָלקן
אויף די הימלישע וועגן.

אין אָנגעזיכט פון ווינט
וואָגלט זי אַרום ווי אַ קינד,
און קוועלט פלוצים אויף
מיט דער פריידיגקייט פון ליכט
וואָס זאָגט אָן אומגעריכט:
ס'וועט קיין רעגן היינט נישט גיין!

וואָס טראַכט אַ מענטש —

וואָס טראַכט אַ מענטש בשעת ער צאַנקט,
בשעת ער איז שוין נאָנט צום סוף?
צי איז ער גרייט און ער באַדאַנקט,
צי טראַכט ער גיין נאָך באַרג-אַרויף?

וואָס אַנט אַ מענטש בשעת עס זינקט
זיין גוף, ווי שיף צום גרונט פון ים?
צי אַנט זיין האַרץ דעם טויט וואָס ווינקט
צו אים, און שנייט אים אָפּ פון שטאַם?

וואָס זעט דער מענטש, ווען טאָג פאַרגייט
און נאַכט באַפאַלט ווי וואָלף די וועלט?
צי ווייסט דער מענטש, באַנעמט, פאַרשטייט
דעם זין פון טויט, וואָס קומט פאַרשטעלט?

יחזקאל בראָנשטיין

ווי אַמאָל, אַמאָל

שעה'ן פון שגעון
טראָגן זיך פאַרביי,
יאָגן זיך און מאָנען
פרייד פון אונדזער מאַי.

אין דעם הויכן חלל
גליווערט אונדזער פיין:
דאָס וואָס איז געוועזן
זאָל שוין מער ניט זיין!

פון דעם טיפן נידער
אונטער אונדזער טראָט,
יאָמערן די לידער
פון אַ ניי־געבאָט:

אייביק זאָלסט געדענקען
וואָס ס'איז דאָ געשען!
קיינמאָל קיינעם שענקען
טרער פון דיין געוויין . . .

האַרט ווי שטאָל און אייזן
שמידן זאָלסט דיין וואָרט,
און פון לעבן רייסן
וואָס עס קומט דיר דאָרט:

בלוי פון מילדן הימל,
בענטשונג פון דער ערד —
רייפן ברויט מיט קימל
און ניט זיין באַשווערט

פון אַ וויסטן גורל
צווישן וועלף אָן צאָל,
און זיך מערן, מערן,
ווי אַמאָל, אַמאָל.

באַגינען

(א)

עס וועקט זיך דער באַגינען
ווי אַ כלה פון שלאָף:
איך וועל דיך באַלד געפינען —
הערט פון ווייט זיך אַ רוף.

ס'געגעצט-אויף דער באַגינען
אין אַ גליקלעכער שעה:
איך האָב דיין רוף באַנומען —
און אָט בין איך שוין דאָ. —

דער באַגינען טוט זיך אוים
פון דעם חלום פון נאַכט,
און שפּאַנט אַוועק אַ שטאָלצער
מיט דעם מאָרגן וואָס לאַכט . . .

יחזקאל בראנשטיין

(ב)

דער באַגינען טונקלט זיך אַוועק אין אַ פּנימלאָזן נעפּל
וואָס שווייסיקט זיך מיט קילקייט איבער דעם לייב פון דער ערד.
די זון קומט שפּעט און פויל מיושב'דיק צוגיין
און וואַרימט זיך אַריין מיט אַ שמייכל
אין דעם סאַמע האַרץ פון דער וועלט,

וואָס וויל נישט באַנעמען און וויל נישט פאַרשטיין
דעם זין פון איר שפּעטן קומען און פריען פאַרגיין —
און וואַנדערט אַלץ העכער און ווייטער אַוועק,
און לאָזט הינטער זיך אַ סליאַד פון גאָלד
פאַר יונג און אַלט . . .

די זון קושט מיט גוטסקייט זיך אַריין
אין יעדנס בליק
און אָטעמט מיט אָנזאָג אויף פרייד און אויף גליק,
וואָס וואַרט וואו געדולדיק מיט רייץ און מיט חן
אויף די וואָס באַנעמען, אויף די וואָס פאַרשטיין . . .

גיב מיר כח

גיב מיר כח דאָ אַרומגיין
אין דעם מדבר פון דיין וועלט,
ביז עס וועט אַ נייער סדר
אפשר ווערן איינגעשטעלט . . .

זאָל מיין טראָט ניט זיין געשטרויכלט
און ניט איילן ווייט אַוועק,
וועל איך אפשר גיכער קומען
צום געגאַרטן שטילן ברעג

וואו עס מאָרגנט דער באַגינען
אין דעם שאָטן פון דיין גרויס,
און איך וועל זיך גאָט געפינען
אין דעם היכל פון דיין הויז . . .

יחזקאל בראָנשטיין

ווינטער

דער ווינטער ניגונט מיט ווינט אין מיינע האָר,
וואָס צויבערט זילבערדיק
אויף אַ פלאַך פון שניי . . .
הינטער מיר שפּאַצירט דער וואַלד
פון מיינע יאָר,
וואָס ברענט מיט גלוסטונג
צו דעם לאַנד פון דעם אַמאָל . . .

דאָס לעבן שפּאַנט לעפּיש
מיט שווערקייט אין די פּיס
איבער פעלדער אָפּגעלאָזענע,
פון גאָט-און-מענטש פאַרלאָזענע —
ווי אַן אָפּגעלעבטער ריז
ביים ראַנד פון אָפּגרונט,
אַנטקעגן דעם צעעפנטן מויל פון דער נאַכט,
וואָס לויערט פאַרפירעריש
אויף מיר און מיין געביין,
ביים אויפזאָג פון קדיש
נאָך אַלץ וואָס איז געווען . . .

דער ווינטער פרירט מיט אָנזאָג
אויף אַ קבר אויף דער וואָר,
וואָס בערגלט זיך אין חלום
ווי אַ זעאונג וואָס איז קלאָר . . .

עס וויגן זיך זאַנגען
אין לבנה שיין מיט רייץ,
אין אַ וועלט פון געזאַנגען
ביים אויפלויכט פון קץ . . .

אין אײגענעם קלעם

אין וועמענס זכות

אין וועמענס זכות בין איך אַהער געקומען,
אין וועמענס זכות איז מיר באַשערט דאָ זיין?
צי איז עס אין דעם זכות פון טאַטן — פרומען,
צי גאָר אין זכות פון דורות - לאַנגען פּיין?

איך טראָג אויף זיך דעם יאָך פון מיינע אבות,
כ'טייל דעם גורל פון דער רשעות פון דער וועלט —
און ווער עס וויל פאַרשוועכט דאָ מיין עניוות
און טוט מיט מיר וואָס אים אַליין געפעלט.

דאָס ליד פון שיינקייט

דאָס שיינקייט פון באַגינען
וועקט מיך אויף פון שלאָף:
דיין גורל איז צו דינען
דער שיינקייט — דיין שטראָף.

באַם אויפגאַנג פון באַגינען,
יעדן טאָג פון יאָר —
אַ זין זאָלסטו געפינען
אין דער שיינקייט נאָר.

און וואָס דו וועסט באַגערן —
און וואָס דו וועסט זען —
מיט שיינקייט זאָלסטו נערן
דיין לעבן, אַליין . . .

דאָס שיינקייט פון באַגינען
פון שלאָף וועקט מיך אויף;
די שיינקייט זאָל באַזינען
דיך, ביז צום אין סוף.

דאָס ליד פון דעם תם

אויף דער גאַס, מיטן שטראָם —
צווישן מענטשן אַ סך,
שפּאַנט ער אַרום — דער תם,
צווישן אָרים און רייך.

ס'האָט דער טאָג איבער אים
זיך צעזונגט און צעהעלט,
נאָר דער תם האָט זיין שטים
דאָ, גאָר הערן פאַרפעלט . . .

ער האָט אַלץ דאָ געלאָזט
הינטער זיך אויף דער ערד,
און ער שפּאַנט אַזוי פּראָסט,
ווי אַ פּשוט'ער פערד . . .

אים טוט גאָר ניט אָרן
דאָס גערויש פון גאַס;
זאָל יענער זיך שפּאַרן —
ער איז נישט אין כעס . . .

זאָל איילן זיך יעדער,
ווער עס וויל און עס קען;
אויף מיר וואַרט כסדר
בלויז דער עלנט אַליין.

יחזקאל בראָנשטיין

וואו איך גיי און איך קום,
באַטאָג און אויך באַנאַכט —
מיר נעמען זיך אַרום
און ווערן אויסגעלאַכט . . .

אַלע טאָג שטיי איך אויף
מיט מיין עלנט אַליין,
צו גאָט קוק איך אַרויף
און לאָז פון אים זיך זען . . .

איך גיי מיר דאָ אַרום —
ווי באַ זיך אין הויז;
ווער עס מיינט איך בין שטום —
דער באַדויערט מיך בלויז . . .

עס גריסט מיך נישט קיינער,
פאַרנעמט נישט מיין געבעט;
כ'בין אַ תם, דאָך שענער
פון דעם וואָס פּלאַפּלט, רעדט! . . .

איך פאַרנעם אַלץ און זע,
און איך ווייס וואָס איך טו:
כ'שפּאַן אייביק און איך גיי,
איך ווייס נישט פון קיין רו . . .

הינטער מיר בלייבט די נאַכט.
איבער מיר — שיינט די זון.
איך באַזיג יעדע שלאַכט,
פלאַטער־אויף ווי אַ פאָן . . .

צווישן טאָג און נאַכט

איבער מיר און פאָראויס
טראָגן זיך געזאַנגען;
ווער ס׳איז ראוי און גרויס,
ברענט־אויף מיט פאַרלאַנגען . . .

איך רייד נאָר אויף אַ וואונק,
פאַרשטיי זיך אויף שווייגן;
כ׳פאַרנעם פון ווייט דעם קלונג,
ווייס דעם זין פון שטייגן . . .

אַז איך פאַל שטיי איך אויף,
שטיי־אויף אַ באַפרייטער;
ווער עס קען קוקט אַרויף,
שפּאַנט־מיט אַ באַנייטער . . .

אַליין, אַליין

די נאַכט און דו —
אַליין, אַליין.
די שפּעטסטע שעה
רייפט־אויף מיט חן.

ס'איז באַרג - און - וואַלד
אין סוד פאַרהילט,
סאיז יונג - און - אַלט
מיט רייץ פאַרשפּילט

אין לייב - און - זעל
וואָס יערט מיט גליק,
אויף גאָטס באַפעל
וואָס רופט צוריק

צום ערשטן סוד
אויף גוטער ערד,
פון מענטש - און - גאָט
וואָס מערט זיך, מערט . . .

צווישן ביכער און מענטשן

איינגעהויקערט און פאַר׳מח׳ט,
צוגעשמידט צום בוך —
זיץ איך דאָ און ווער פאַר׳כח׳ט,
לערן זיך און זוך.

קעגנאיבער הויכע שראַנקען
בײַ אַ לאַנגען טיש,
שווימען אויף־און־אָפּ געדאַנקען
ווי אין ים די פיש . . .

שעה׳ן לאַנגע אָן אַן אויפהער —
זיץ איך דאָ און טראַכט;
ביכער אַלטע ביכער נײַע,
תמיד אויפגעמאַכט —

קוקן תמיד אָן אַן אויפהער
הויך צו מיר אַרויף,
און זיי לײַכטן און באַלײַכטן
מײַן געדאַנק לרוב . . .

קעגנאיבער הויכע פענצטער
איבערפולט מיט זון,
לעב איך אויף די נאַכט פון עבר —
נײַעם טאָג זאָג אָן.

צווישן מענטשן, צווישן ביכער,
לעב איך דאָ זיך אויס;
ביכער, מענטשן — זײַנען אייביק
רײַך און שיין, און גרויס. —

איינגעהויקערט און פאַר׳מח׳ט,
צוגעשמידט צום בוך —
זיץ איך דאָ און ווער פאַר׳כח׳ט,
לערן זיך און זוך.

יחזקאל בראָנשטיין

ייד און מענטש

אָפּטמאָל קוקט מיין קינד פאַרוואונדערט
און ער פרעגט מיט שטומען בליק:
וואָס איז טאַטע, זאָג, איך בעט דיך —
זאָג מיר וואָס אַזוינס איז גליק?

זאָג מיר טאַטע, זאָג, איך בעט דיך —
זאָג, צו וואָס מיר זיינען דאָ?
וואָס דערוואַרט אונדז שפּעטער, שפּעטער —
ווען מיר זיינען מער נישטאָ?

אפשר ווייסטו, זאָג, איך בעט דיך —
וואָס ס'האָט אונדז געבראַכט אַהער?
זאָג מיר טאַטע, זאָג, איך בעט דיך —
צי עס פירט אונדז ערגיץ ווער?

אפשר ווייסטו, זאָג, איך בעט דיך —
וואָס עס טוט זיך אין דער הויך?
זאָג מיר טאַטע, זאָג, איך בעט דיך —
צי עס שטאַרבן געטער אויך?

זאָג מיר טאַטע, זאָג, איך בעט דיך —
צי האָט טאַקע אַלץ אַ סוף?
אפשר ווייסטו, זאָג, איך בעט דיך —
זין פון שטייגן הויך אַרויף?

צווישן טאָג און נאַכט

אפשר ווייסטו, זאָג, איך בעט דיך —
וואָס מיר איז באַשערט צו זיין?
זאָג מיר טאַטע, זאָג, איך בעט דיך —
צי כ׳וועל טיילן גורל דיין . . .

זאָג מיר טאַטע, וואָס איז בעסער,
זיין אַ ייד און ליידן שטיל?
צי איז סתם אַ מענטש זיין בעסער,
זיך באַוועגן ווי מען וויל?

אפשר ווייסטו ווער ס׳איז שולדיק
אין דעם גורל, גורל מיין?
איז עס ווייל איך בין געדולדיק
און אַ שטאָלצער ייד כ׳וויל זיין?

טאַטע מיינער, זאָג, איך בעט דיך —
זאָג מיר טאַטע, דרייסט און פריי:
זיין אַ ייד און מענטש אַ שטאָלצער,
מיינט צו וועלקן אויך אין מאַי . . .

יחזקאל בראנשטיין

פון דער פרעמד

(פראַגמענט)

איך האָב הינטער זיך געלאָזן טאַטע-מאַמע
אין אַ קאַלטן לאַנד, אויף פרעמדער ערד,
און אומבאַרעכנט — ווילד און אומגעלומפּערט —
אַליין אַוועקגעבריקעט ווי אַ פערד
אין אַ נייעם גלות, אין אַ נייעם לאַנד —
וואָס האָט מיך אויפסניי ווי איינגעשפּאַנט
אין יאָכן אַלערליי, וואָס האָבן מיך געצווימט
און צוימען מיך נאָך איצט ווי אַ בראָנקאָ אין דער וועסט —
און צוגעשמידט מיך צו אַן אָרט — מיך געאַנדערשט אָן אַ סוף,
ווי עס אַנדערשט זיך אַ באַרג אין זיין וואוקס אַרויף, אַרויף...

(2)

מיין טאַטענס גלויבן האָב איך נישט גע'ירשנ'ט
און מיין מאַמעס פרומקייט האָט מיין לעבן נישט באַצוואונגען,
כ'האָב פאַר פרעמדע געטער אַלעמאָל גע'דרשנ'ט
און מיטאַמאָל דערפילט, ווי איך זינק און ווער פאַרשלונגען
פון אַ לעבן אין דער פרעמד, פון אַ לאַסט אַ נייער,
וואָס פירט מיך ווי אַ בלינדן באַ דער האַנט
אין אַ וועלט אַ ליכטיקער, אַ זוניקער, אַ פרייער —
און לאָזט מיך פּלוצים איבער אויף גאָטס באַראָט,
אין אַ וועלט פון רשעות, פון שונד-און-שאַנד —
אויף אַ פרעמדער ערד, אין גאָר אַ פרעמדער שטאָט...

(3)

דער באַגינען האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף דער לינקער זייט
און דעם טאָג באַגעגנט אַן אַ „גוט־מאָרגן״ . . .
מיין טאַטע האָט דער ערשטער פון שלאָף זיך באַפרייט,
מיט אַ קרעכץ באַגעגנט די נייע זאָרגן
פאַר זיין תכשיט, דעם זון — וואָס האָט זיך גענומען איילן
און פּאַקן זיך אין וועג אַריין דעם נייעם . . .

די מאַמע מיינע האָט ווי אַלעמאָל צניעות׳דיק געשוויגן
און מיט ליבשאַפט נאָכגעפאָלגט מיין יעדן שריט.
און איך, דער רשע — בין ווייך געוואָרן מיטאַמאָל:
איך האָב אויסגעמידן זיי קוקן ביידע אין די אויגן,
זיך געוואָרגן מיט די טרערן וואָס האָבן מיך געשטיקט . . .
און הויך געשוויגן און שטום גערעדט,
ווי אַ פרומער ייד אין זיין געבעט . . .

(4)

דער זייגער האָט אויפגעשלאָגן די זעקסטע שעה.
דאָס גאַנצע בני בית האָט זיך גענומען איילן.
און כאָטש איך האָב געוואוסט אַז איך בין אַלץ נאָך דאָ
אין דער מסיבה פון משפחה, מיט טאַטע־מאַמע בראש —
האָט מיין אומרו זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ מחיצה צווישן אונדז,
מיט חוצפּה מיך אַוועקגעפּאַטשט פון זיי אַן אַ זייט —
איבערן קאָפּ מיר געהאַמערט: אייל זיך, ס׳איז שוין צייט! —

און כאָטש די פיס האָבן מיך מיט אימפּעט געטראָגן
און געשפּאַנט האָב איך איילים מיט זיכערע טריט,
האָב איך פונדעסטוועגן קיין וואָרט נישט געקאָנט זאָגן,
דעם לעצטן „זיי־געזונט״ אויף די ליפּן נישט געבראַכט —
און פון אַלעמען זיך אָפּגעקערט אַן אַ „גוטע נאַכט״ . . .

מיין מאַמע האָט געוויינט און דער טאַטע האָט געשטומט,
מיר זיינען ביידע געבליבן אַזוי ווי פאַר'מום'ט . . .
ביז כ'האָב פלוצים זיך געפונען אויף דער באַן אַליין,
דער נאַכט, דעם ווינט און דעם עלנט—פאַרטרויט מיין געוויין...

(5)

דיין האַרץ נאַגט און נאַגט,
ביסט אומרואיק און ציילסט די מעת לעת'ן;
די באַן יאָגט און יאָגט —
ביסט אַליין דאָ און דו ביסט פאַרגעסן . . .

דיין בליק פאַלט העט ווייט,
זוכסט נייגעריק די היימישע וועגן;
די באַן איילט און שרייט,
און בלייבט טויב צו דיין מאָנען און פרעגן.

ס'דרייט זיך באַרג און וואַלד,
און עס ציטערט אונטער דיר דער באָדן;
ס'ווערט דיר היים-און-קאַלט,
און דו שרעקסט זיך פאַר אייגענעם שאָטן . . .

האָסט אַ היים געהאַט,
און אַ קינד געווען בא טאַטע-מאַמע.
איצט — זיי נע ונד
און וויים: דאָס ערגסטע קומט נאָך מסתמא . . .

ס'ווארט אויף דיר אַ טאָג
אַ גרויסער, און מיט אַ סך סורפריזן.
זיי געוואָגט און זאָג:
כ'וועל אים נישט פאַרשעמען, נישט פאַר'מיאוס'ן . . .

מיין פרומע מומע סימע.

עס געדענקט זיך ווי היינט
אין דעם ווייט פון אַמאָל,
אַ פּנים וואָס עס שיינט
אין אַ וואָלענעם שאַל.

דאָס פּנים, געדענקט זיך,
ווי אַ לבנה די גרויס —
בליט תּמיד און רויטלט
מיט דעם חן פון אַ רויז.

אָט קומט זי מיין מומע
פון דעם דאָרף צופאָרן,
די שטאָלצע און פרומע
איז נאָך יונג אין יאָרן.

אַ שלאַנקע און גרינגע,
ווי אַ סאָסנע די הויך —
פלאַטערט זי און טראָגט זיך
ווי אין דעם ווינט אַ רויך.

עס קוקט איר נאָך יעדער
און באַוואונדערט איר טראָט;
עס רעדט דאָ כסדר
פון איר, די גאַנצע שטאָט . . .

מיין מומע — זי זאָרגט זיך
פאַר יעדן באַזונדער;
ס'דאַרף איינער פרנסה,
אַ צווייטער — געזונט נאָר . . .

דער שמייכל מיין מומעס,
פֿאַרדעקט אָבער אַלעס:
די דאגות און צרות,
צי סתם שלעכטע מעלות

פֿון קרובים פֿון נאָענטע
און ווייטע אַפֿילו,
מיט גוטסקייט און ברכות
און אָפֿט מיט אַ תפֿילה . . .

מיין מומען באַשערט איז
צו זיין אַן אלמנה,
און קינדער זי האָט נאָך
אַ הויז גאָר אַ פֿולע . . .

באַשערט איז מיין מומען
צו ליידן אַ שטילע,
כאָטש קיינער באַמערקט נישט
איר צער אַפֿילו.

ווען זי קומט נאָר צומאָל
צו אונדז דאָ צופֿאָרן,
ווערט דאָס הויז בא אונדז פֿול
מיט שפע אויף יאָרן . . .

זי ברייגנגט אונדז פֿון אַלעם
אַ סך און צוביסלעך;
פֿאַר טאַטען און מאַמען,
פֿאַר קינדערשע פיסלעך . . .

וואַרעניע, פֿאָווידלע,
אין סלויעס און פעסער —
וואָס רייצן די גימענס
בא היימישע פרעסער . . .

און עפּל און באַרן,
און טרוקענע פלוימען,
צו שטילן דעם הונגער
און קינדערשע טרוימען . . .

זי ברייגגט אויך געוואַנטן
פאַר יינגלעך און מיידלעך,
אויף חנוכה ברייגגט זי
אונדז, חנוכה־דריידלעך.

אין אָוונט, באַם טיש,
דערציילט זי פון אַלעם:
— אָט באַלד וועל איך האָבן
חתנים און כלות . . .

און דאָ פאַלט איר שטימע
אַרונטער, אַרונטער;
עס בייט זיך די מינע
בא איר און מיין מוטער . . .

מיין טאַטע בלייבט זיצן
אַ בלייכער, אַ שטילער,
עס הערט זיך דאָס זיפצן
פון אַ פרוי, אַ מידער . . .

עס טרערן די אויגן,
און דאָס פנים עס פלאַמט;
דאָס האַרץ ווערט פאַרצויגן
מיט אַ ווייטיק וואָס קראַמפּט . . .

באַלד סקריפּן די בענקלעך,
עס בלייבט ליידיק דער טיש —
און אַלע ווי איינער,
אין איין צער פאַרמישט —

צעלויפן זיך שטומע
דאָ, באַ אונדז אין דעם הויז —
און עס ווערט אוים מחיצה
צעווישן קליין און גרויס . . .

מיין מומע, זי קליידט זיך
אין טונקלע קאָלירן,
ווי ס׳פּאַסט אַן אלמנה
פון לויטער גבירן . . .

און תמיד זי רעדט נאָר
פון איר מאַן דעם טויטן;
איך געדענק מיין פעטער —
דעם יידן דעם רויטן . . .

מיט אַ באָרד אַ רונדער
און אַ הדרת פּנים,
אין אַ וועלט מיט וואונדער
וואָס איז מער ניטאָ שוין . . .

איך זע ווי ער דרייט זיך
באַ מיין טאַטען אין הויז,
און דאַוונט מיט יראה
ווי אין היימישער קלויז . . .

אָט בענטשט ער מזומן
און איילט זיך שוין ווידער;
איך זע אים, מיין פעטער —
כ׳געדענק זיינע לידער.

כ׳געדענק נאָך דעם ניגון
פון זיין שלש סעודות;
איך זע אים זיך וויגן
אין עקסטאַז פון רקידות . . .

צווישן טאָג און נאַכט

ווי בין איך מקנא
דיך, פעטער מיין פעטער!
כ'בין מיד שוין צו דינען
צו אַלע די געטער

וואָס נאַרן און נאַרן
עד סוף כל הדורות,
און ברענגען קיין רו נישט
און וואַרפן אָן מורא'ס . . .

אוי מומע, מיין מומע,
איך זע דיך איצט ווידער:
ווי תמיד — אַ פרומע,
נאָר טיף אין דער נידער . . .

באַשערט איז דיר מומע:
דעם גורל צו טיילן
פון שטאַרבן אַ שטומע,
און גאָרניט דערציילן

פון שטעטל דעם ויסטן,
אין היטלערשן גיהנום —
ווי איינע וואָס וויל נישט
גאָט-און-מענטש פאַרשעמען . . .

יחזקאל בראַנשטיין

ווי ער —

מיין פאַטערס געשטאַלט טוט זיך אָפּ פון מיר,
ווי אַ שאָטן באַם אויפגאַנג פון טאָג;
מיין לעבן נעמט אָן אַן אייגן געשטאַלט,
נאָר דעם גורל מיין פאָטערס איך טראָג.

אַ שווייגער ווי ער, טראָג איך שטאָלץ די לאַסט
פון דעם לעבן פון מיינעם — ווי ער;
כ'גיי תמיד ווי ער, אין זיינע דרכים,
מיט דעם צייכן פון אמת — איך שווער.

כ'יאָג זיך נישט ווי ער, נאָך קיין כבוד, גלויב,
און איך טייל נישט דעם טומל פון גאַס;
מיין לעבן ווי זיינס, איך קנעט און דערהויב
מיט דעם כח פון ליבע, נישט האַס.

כ'בין גלויביק ווי ער, פול מיט בטחון
אַז די גאולה וועט קומען, קומען!
און כאָטש מיר איז פרעמד דאָס הויז פון זיין גאָט,
זאָג איך ווי ער אַלעמאָל — אמן.

דיין ליכט

ווי אַ זון וואַכט אייביק איבער מיר דיין ליכט
וואָס פירט דעם רודער פון מיין שיף.
באַטאָג, ווי אויך באַנאַכט — דו לויכסט אומגעריכט,
טויכסט צו מיר אַרויף פון דיין טיף.

מיין וועג איז אַ שווערער, איך שפּאַן ווי אויף גלאָז,
און מיין האַרץ ווערט אָפט צוריסן;
דו רעדסט צו מיר תמיד ווי אין פעלד דאָס גראָז
וואָס ברענגט מיר פון דיר געריסן.

אַליין, אָן דיר..

איך וועל בלייבן אַ מידער
אָן דיר דאָ אַליין,
אין דעם ריטם פון לידער
וואָס צאַפּלט מיט חן
כ׳וועל באַלעבן דיך ווידער
ווי דו ביסט געווען.

כ׳וועל באַלעבן דיך ווידער
ביי זיך אין געדאַנק,
דיך דערהויבן פון נידער
מיט ליבשאַפט-געזאַנג,
אין דער שיינקייט פון לידער
וואָס דויערן לאַנג.

יחזקאל בראָנשטיין

קדיש נאָך מיין טאַטן

מיר איז פרעמד דער קדיש פון סידור
און גאָט איז מיר אינגאַנצן פרעמד,
זאָג איך קדיש נאָך דיר אין לידער
מיט האַרץ וואָס וויינט און בלייבט פאַרשעמט . . .

איך רעד צו דיר תמיד אָן ווערטער —
ווי דו וואָלסט מיט מיר דאָ געווען;
דיין נאָמען מיט ליבשאַפט כ׳פאַרגעטער,
אין אַלץ וואָס שיין איז כ׳טו דיך זען.

מיין האַרץ איז פול מיט דיר אינגאַנצן.
דו ביסט מיין עמוד אש אין וועג.
איך טו אינזיך דיך איבערפלאַנצן
און לאַנד מיט דיר באַם זעלבן ברעג . . .

מיין חבר מילער שטאַרבט —

דו פיבערסט פון היץ און פון ווייטיק,
דיך שווידערט די לאַסט פון דיין גוף.
דיר דוכט זיך — דער טויט האָט פאַרשפּעטיקט,
עד מתי — וויינט־אויף דאָ דיין רוף . . .

די נאַכט איז פאַר׳סוד׳עט און פינצטער.
עס הערט זיך דאָ קוים דיין געבעט.
עס שאַרט זיך ווער הינטער דיין פענצטער
און מורמלט: ס׳איז קיינמאָל ניט שפּעט . . .

עס עפנט דיין טיר זיך אַ שטילע,
כאָטש קיינער באַמערקט עס דאָ קוים —
דיר דוכט, ס׳איז דיר בעסער אפילו,
כאָטש ווייסט ס׳איז נישט מער ווי אַ טרוים . . .

אַ ווייטיק שטעכט דורך דיר דיין האַרצן,
עס נעמט דיך אַ האַנט שטיל אַרום —
און אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין שוואַרצן
און דו בלייבסט פאַרגליווערט און שטום . . .

יחזקאל בראָנשטיין

איך זאָג נאָך דיר קדיש —

דעם ליכטיקן אנדענק פון מיין יוגנט-חבר

מרדכי מילער

איך זאָג נאָך דיר קדיש דאָ איינער אליין,
כאָטש קיינער דאָ הערט נישט מיין יאָמער-געוויין . . .
איך זע דיך פון וויטן אין ענגשאַפט פון הויז,
מיר דוכט אז איך הער דיך — אָט קומסטו ארויס!
דו שמייכלסט מיט ליבשאַפט מיין חבר, מיין פריינט —
דיין פנים, ווי תמיד — עס שיינט נאָר און שיינט . . .

און איך, ווי געוויינליך — פאַר'חלומ'ט, פאַרטראַכט,
בין סתם נישט קיין היגער, פאַר קיינעם געדאַכט . . .
באַגרים דיך אָן ווערטער איך ווייס נישט פאַרוואָס —
און דו בלויז דו שמייכלסט, דערצו אָן פאַרדראָס —
און באַלד שוין מיר שפּאַנען אַרום אויף דער גאַס,
וואו ס'וואַרט אויף אונדז קיינער אַפילו אויף שפּאַס . . .

איך זע דיך, ווי נעכטן — אין בלי פון די יאָר
וואָס האָבן פאַרשמידט דיך צום יאָך פון דיין דור,
וואָס האָט הינטער זיך שוין פאַרברענט יעדע בריק,
אויף תמיד געשוואוירן: ניט גיין שוין צוריק . . .
איך זע דיך מיין ברודער, איך הער דיינע טריט,
גיב-הער מיר דיין האַנט איצט און שפּאַן מיט מיר מיט

אויף גאַסן קאַנאַדער, פאַרקאַוועט אין שניי —
וואו ס'ליגט אונדזער יוגנט פאַרגראָבן אין זיי.
אָ גיב מיר דיין האַנט איצט, און שענק מיר אַ בליק,
כ'וויל גלויבן ביסט ווידער געקומען צוריק . . .
און ביידע מיר שפּאַנען אַרום אויף דער ערד,
ווי ס'איז אונדז פון תמיד געווען דאָ באַשערט . . .

מיין טויטער חבר

מיין טויטער חבר קומט מיר אָפט צו חלום
און רעדט צו מיר מיט שטומען בליק:
„— צי איז שוין, פרעגט ער — אויף דער ערד איצט שלום,
צי ווייסן קינדער שוין פון גליק?"

עס קוקט מיין חבר שטום אויף מיר פאַרוואונדערט
און וואַרט געדולדיק אויף זיין אָרט,
נאָר איך, ווי תמיד — שטיי דאָ אַ פאַרשעמטער,
ווייל טויט איז אויך אַצינד גאָטס וואָרט . . .

ב.

מאָרגן וועסטו ווידער קומען,
רויטלען זיך באַשיידן — שטומען . . .
דיינע אויגן וועלן ברענען,
כאָטש דו וועסט מיך זען נישט קענען —
יאָ-און-ניט מיך דאָ דערקענען.

מידע וועלן מיר דאָ בלייבן
יעדער איינער אין זיין שאָטן,
ס'וועט דאָס לעבן לידער שרייבן
וואָס ס'וועט אונדז שוין זיין פאַרבאָטן,
דיר און מיר — מיין ליכט-און-שאָטן . . .

יחזקאל בראָנשטיין

מיין מאַמע —

פאַר די שבת-ליכט פאַרנאַכט,
מיט אַ פּנים ליכטיק-שיין —
שטייט מיין מאַמע איצט פאַרטראַכט
און זי חלומ'ט שטיל אַליין.

ס'איז דער טאַטע לאַנג נישטאָ.
און די קינדער — ווייט אַוועק.
פאַלט איר שווער אַצינד די רו
און עס זיינען לאַנג די טעג.

ס'איז איר טיש אַצינד פאַרשוועכט,
און אין הויז בא איר איז קאַלט;
לאַנג און אומעטיק די נעכט.
זי איז מיד, אַליין און אַלט.

תמיד זיצט זי דאָ אַליין
און זי וואַרט ווי אויף אַ נס.
ס'הערט ניט קיינער איר געוויין:
אויף דער עלטער נישט פאַרגעס . . .

באַ דעם אויפּקום פון אַ דור

אין אַ וואַלד פון יונגע יאָר
גייט אַרום פאַרליבט אַ פּאָר.

ער איז הויך און זי איז שיין —
ביידע יונג און פול מיט חן.

הינטער זיי — אַ ברייטער טייך.
און פאָראויס — אַ גרויסער שליאַך.

גייען זיי זיך שטאָלץ אַזוי —
די פאַרליבטע מאַן און פרוי.

און זיי שטיפן אָן אַ סוף,
אין זייער גאַנג אַראָפּ-אַרויף.

ביז זיי קומען צו אַן אָרט
און פאַרלירן זיך שוין דאָרט

ווי אין חלום אויף דער וואָר,
באַ דעם אויפּקום פון אַ דור . . .

יחזקאל בראָנשטיין

מיין וויג-ליד

איילע לולע, קינד מיינס, שלאָף,
זאָל דיין האַרץ נישט נאָגן;
הערן וועסטו באַלד אַ רוף,
באַלד וועט ווידער טאָגן.

איילע לולע, קינד מיינס, שלאָף,
שלאָף און זיי צופרידן;
הערן וועסטו באַלד אַ רוף,
נישט פון קריג, נאָר פרידן . . .

איילע לולע, קינד מיינס, שלאָף,
זע די וועלט נישט ברענען;
הערן וועסטו באַלד אַ רוף,
זאָלסט אים ניט פאַרשעמען . . .

איילע לולע, קינד מיינס, שלאָף,
זאָל דיין האַרץ נישט נאָגן;
הערן וועסטו באַלד אַ רוף,
רוף פון פרייד אין טאָגן . . .

מ י י ן ק י נ ד

מיין קינד רייסט־אויף די מאָרגן־רו
מיט אַ זילבערדיק געלעכטער:
— איך בין שוין פּאַפּאַ ווידער דאָ! —
און ער בלייבט אַלץ דער געלעכטער.

דער קאָפּ טוט וויי און איך בין מיד —
ס׳וויל מיין קינד פון גאָרניט וויסן.
— אַ זינג מיר פּאַפּאַ שנעל אַ ליד,
לאָזט ער נישט די אויגן שליסן.

מיין קינד באַוועגט זיך לייכט און פלינק,
לאַכט אין פּנים: אַ גוט מאָרגן! —
דער קאָפּ ווערט לויטער מיר און גרינג
און עס פאַלן־אָפּ די זאָרגן . . .

מיר שטיפןביידע דאָ אַרום
ביז מיר בלייבן מידע ליגן;
מיר פאַרדעקן זיך דאָס פּנים
און מיר זינגען זיך אַ ניגון:

— איילע לולע פּאַפּאַ גרויסער —
— שלאָף מיין יינגעלע מיין קליינער —
— וויין נישט פּאַפּאַ, שלאָף, איך בעט דיך —
זינגט מיין יינגעלע, מיין שיינער.

קינדערלעך ווי דו

ס׳שלאָפן קינדער אין די הייזער,
קינדערלעך ווי דו —
זאָלסטו קינד מיינס הויך נישט וויינען,
שטער זיי ניט די רו.

קינדער קליינע אין די וויגן
חלומען ווי דו,
זאָלסטו קינד מיינס שטיל דאָ ליגן —
מאַך די אויגן צו.

ס׳וועט דיין טאַטע בײַ דיין וויגל
זינגען דיר אַ ליד,
און דיין מאַמע וועט דיך צערטלען
קיינמאָל ווערן מיד.

קליינע קינדער דאַרפן רוען,
איילע, ליו-ליו, ליו;
טאַטע-מאַמע, בײַ דיין וויגל —
חלומען ווי דו . . .

ווי פּאַלמען אין זון —

דיין פרייד איז ווי אַ קוואַל
וואָס שעפּט זיך נישט אויס,
דיין טאָכטער איז ווי דו —
אַ שיינע און גרויס.

איר האַרץ האָט געשלאָגן
פונוויייטנס פאַר דיר,
און דו האָסט געטראָגן
אַ ברכה פאַר איר.

דו האָסט איר פונוויייטנס
געזען אין געדאַנק;
ווען זי האָט געטרויערט —
געווען ביסטו קראַנק . . .

ווען זי האָט גע׳חלום׳ט
פון דיר און דיין היים,
האָסטו אָפט געיאָמערט
אין מדבר אַליין . . .

איר טאָג האָט פונוויייטנס
געזוניקט אָן רייד,
ס׳איז פלוצים געקומען
דיין לעבן, דיין פרייד.

יחזקאל בראַנשטיין

איצט בליט איר דאָ ביידע
ווי פּאַלמען אין זון;
דער טאַטע און טאָכטער —
איצט קוועלן דאָ אָן.

מיט איר ווערסטו יונגער
און שענער פון שיין,
עס זאָל נאָר דיין טאָכטער
נישט לאָזן אליין

דעם טאַטן דעם גרויסן,
דעם גרויס-גרויסן נאַר —
וואָס מאַנט נישט באַ קיינעם
פאַר גאָרניט קיין שכר . . .

דו ביסט ווי איך —

דו ביסט ווי איך, מיין טאָכטער, אין צער פאַרוועבט,
אַ שווייגער ווי איך, כאָטש מיט לעבן איבערפילט;
דו האָסט ווי איך, מיין טאָכטער, אין חלום געלעבט,
און קיינמאָל ווי איך דיין פרייד צו זאַט נישט געשטילט.

דו ביסט ווי איך, מיין טאָכטער, אין מדבר געוועזן
און ווי איך, ווי איך דאָרט פאַראיינזאַמט דיין לעבן;
עס האָט קיינער, מיין טאָכטער, געהערט דיין געוויין,
האָסט ווי איך דעם ווינט דיין טרויער אָפּגעגעבן.

דו האָסט ווי איך, מיין טאָכטער, געדולדיק געוואַרט
אויף אַ נס, דעם נס פון דערקענונג — נס פון בלוט!
האָט די וואָר אויפגעפלאַקערט — עס בליט וואָס געדאַרט! —
ביסט טאָכטער ווי איך שוין באַפליגלט איצט מיט מוט.

י ח ז ק א ל   ב ר אָ נ ש ט י י ן

שעם זיך נישט טאָכטער

שעם זיך נישט טאָכטער, דערצייל מיר פון אַלץ,
פון איינזאַמען לעבן פון דיינעם;
דעם פאַרהאַנג הויב-אויף, דיין פּנים באַווייז,
מיר דוכט — עס איז ענליך צו מיינעם . . .

איך ווייס: דיר איז גוט, ביסט יונג נאָך און שיין,
אַ זאָל עס דיר וואויל נאָר באַקומען! —
דיין טאַטע, ווי דו — איז אויך ווען געווען
פון פרייד און געלעכטער באַנומען.

דערצייל מיר ווי דיך באַגעגנט דער טאָג,
ווי דו אַליין קומסט אים אַנטקעגן;
צי ברענגט ער דיר ברויט צו זאַט און גענוג,
צי דו באַדאַרפסט אויף דעם זיך פרעגן.

זאָג טאָכטער מיט וואָס דו פילסט אוים דיין צייט,
וואָס טראַכסטו אין איינזאַמע שעה'ן?
צי ביסטו ווי איך פון אַלץ אַזוי ווייט,
און פונקט ווי איך דו גאַרסט בלויז רוען.

זאָג טאָכטער פון וואָס דו חלומ'סט באַנאַכט,
ווען דער שלאָף טראָגט דיך פון מיר אַוועק;
דיין טאַטע האָט ערשט איבער דיר געוואַכט
און זוכט ווי אין טרוים צו דיר אַ וועג.

שעם זיך ניט טאָכטער, דערצייל מיר פון אַלץ,
דערצייל און באַרואיק מיך ווידער;
דיין טאַטע איז מיד, דערצייל מיר פון אַלץ,
פאַרנעם מיין געבעט, מיינע לידער.

דיין טאָכטער און דו —

אַז דו און דיין טאָכטער
שפּאַצירן אין זון,
קוועלט דאָס לעבן אַליין
פון אייך ביידע אָן.

דיין טאָכטער לאַכט תמיד
פון פרייד און פון גליק,
און דו — איר באַגלייטער,
לאַכסט-מיט אויף צוריק.

וואָס דו האָסט גע'ירשנ'ט
פון דורות פאַר דיר,
קוועלט-אויף ווי אין וואונדער
צווישן דיר און איר.

אַז ביידע איר גייט
אין גאַס איצט אַליין,
טוט מאַמע זיך פרייען
מיט נס פון געשען . . .

דיין מאַמע איז רואיק,
זי טיילט איצט דיין פרייד:
דער וואָס וואַרט געדולדיק,
שניידט וואָס ער פאַרזייט . . .

י ח ז ק א ל   ב ר אָ נ ש ט י י ן

ס'איז דיין מאַמען באַשערט
אין אַ שלעכטער צייט,
וואָס טאַטען איז פאַרווערט
צו הערן פון ווייט . . .

אַז דיין טאָכטער און דו,
פון לעבן די פּאַן —
פאַרצווילינגט האָבן זיך
אויף תמיד אין זון . . .

דער וואָס וויל קען דאָ זען,
הערן אויב ער וויל —
אַז דאָס וואָס איז געשען,
קוועלט-אויף פון דער שטיל

און שלאָגט טיפע וואָרצלען
מיט כח פון בלוט,
וואָס האָט נעכטן ווי היינט
געקאָכט, — נישט גערוט . . .

און די זעאונג פון היינט
וואָרצלט אין נעכטן,
און דער שטערן וואָס שיינט
שיצט דעם גערעכטן. —

אַז דו און דיין טאָכטער
שפּאַצירן אין זון,
קוועלט דאָס לעבן אַליין
פון אייך ביידע אָן.

אָוונט באַם ים

אויף די שויבן פון די פענצטער
זינגט די שקיעה אום איר ליד,
אין די שאָטנס פון דעם מערב
פאַלט דער טאָג אַוועק איצט מיד.

און דער אָוונט קומט מיט שטערן
אומגעריכט און שטיל אַזוי,
אַז דו לאָזט פון אים זיך געבן
פאַנגען, ווי אין נעץ פון פרוי . . .

און דו וואַנדערסט אום אַ שטילער
אין דעם אָוונט־שיין באַם ים,
ביז עס קומט אַ ווינט אַ קילער
וואָס פאַרפירט דיך ערגיץ סתם . . .

און דו פאַלסט אַוועק אַ מידער,
ווי דער טאָג וואָס איז אַוועק —
און דו לייזט זיך אויף אין לידער
ווי דער שוים פון ים באַם ברעג . . .

דער ים —

דער ים האָט זיך פאַר'ברוגז'ט מיט דער זון,
מיט חשכות זיך פאַרכמורעט אינמיטן העלן טאָג.
דער ים-ברעג האָט מיט זאַמד זיך אויפגעהויבן,
מיט רוגזה אַלעמען פון זיך פאַרטריבן
און מיט זיך-אַליין אַ ברוגז'ער פאַרבליבן . . .

דער ים שוואַרצט-אויף מיט צאָרנדיקע כוואַליעס
וואָס יאָגן-און-פאַריאָגן זיך צו אַ ווייטן ברעג.
און די שטאָט אַנטקעגן — אין זון איינגעטונקן,
רוישט ווי געוויינלעך מיט טומל פון וואָך
און פאַרכלינעט זיך מיט שפע פון זילבער און גאָלד
און וואַרט געדולדיק אויף מערער און נאָך . . .

מאַטראַסן באַם ים —

מאַטראַסן אין היטעלעך ווייסע
שפּאַצירן דאָ גערן אַרום,
און מיידלעך מיט נעזלעך קאַרנאַסע
פאַרטשעפּען זיי דאָ אומעטום.

זיי ריידן זיך דורך מיט די אויגן,
פאַרשטייען זיך באַלד אויף דעם וואונק;
און באַלד זיצט מען שוין אין אַ שענקל
פאַרטוליעט אינאײנעם באַם טרונק . . .

עס טשאַדעט דער דזשעז מיט זיין טומל,
די מיידלעך פאַר׳חלש׳ט און מיד
באַצווינגען אין שיכרות מאַטראַסן
מיט חוצפּה און ביליקן ליד . . .

און שפּעטער, ווען ס׳נעמט שוין באַלד טאָגן
און שענקלעך פאַרמאַכן זיך פלינק —
מאַטראַסן מיט מיידלעך זיך יאָגן
אויף גאַסן, פאַרטונקלטע, גרינג . . .

און פלינקע זיי פאַלן אַנידער
אויף סקווערן, אין פּאַרקן, מיט חשד,
און עראָם פאַרוויגט זיי מיט לידער
און שפּרייט אויף זיי אויס זיין גענאַד . . .

יחזקאל בראָנשטיין

מיין ליד

מיין ליד גייט אום
ביינאַכט אַליין,
זוכט שטום אַרום
פון ליד דעם חן.

די נאַכט — זי הערט
פון ליד דעם גאַנג,
דאָס ליד — עס יערט
מיט שטום־געזאַנג.

עס בלויט די ווייט
מיט רייץ פון ליד,
דיין בלוט — עס שרייט
און ווערט ניט מיד

פון זינגען שטום
צו דיר מיט פרייד,
דיך רופן: קום —
אָן רייד, אָן רייד...

באַגינען

דער באַגינען וועקט מיך מיט דעם רייץ פון שיינקייט
וואָס רייסט־אויף מיינע אויגן פון שלאָף און רו.
מיין געמיט ברויזט מיט ליכטיקער זעאונג,
און מיין האַרץ קוועלט מיט פרייד באַם אָנזאָג אויף טאָג
וואָס קומט מיט שטילע און זיכערע טריט
און לייזט־אויף דעם באַגינען אין אַ נעץ פון ליכט,
פאַרשלינגט דעם קיילעך פון דער ערד
און זעטיקט אַלץ וואָס לעבט און שאַפט.

מיינע האָטעל־שכנים

די שכנים מיינע — די גויאישע הינט,
פאַרשטינקען מיט בראָנפן און הורנגעשטאַנק
מיין הויז, — מיין האַרץ וואָס איז קראַנק . . .

מיט רויטע נעזער און שיכורע פּיס
איילן זיי תמיד אַריין־און־אַרויס,
און תמיד בין איך זיי אין די אויגן גרויס
מיט מיין ניכטערקייט, יידישע נאָז
און עקל צו זיי,
וואָס פלאָנטערן זיך ווי שפּרינגנדיקע פליי
אַרום מיינע פּיס דאָ אין מיין הויז,
כאַטש נעם און וואַרף זיי אַרויס
ווי מיסט אויף דער גאַס,
און פאַרהאַק הינטער זיי אויף תמיד די טיר,
אויף קיינמאָל נישט צו קומען
צוריק צו מיר . . .

די זון איז זיי תמיד אין די אויגן גרויס.
זיי טרייבן דאָס ליכט פון דעם טאָג אַרויס.

באַ פענצטער פאַרהאַנגענע,
באַ עלעקטרישע ליכט —
פאַרטרינקען זיי די טעג מיט בראָנפן און זנות . . .

זיי שלאָגן די ווייבער און זידלען זיך הויך,
לייזן־זיך־אויף אין שיכרות
ווי פון קוימען דער רויך.

זיי פאַרזעצן אין לאָמבאַרד
דאָס לעצטע העמד
און שיכורן נאַריש,
אומפאַרשעמט, אומפאַרשעמט.

פיפטה סטריט —

דאָס לעבן עיפּושט דאָ און פּוילט
מיט וואונדן אָפענע אין גאַס,
דער טאָג באַוועגט זיך קוים און גרוילט
און ווייטיקט גאָר אַוועק מיט שפּאַס.

עס גייען שאָטנס דאָ אַרום
וואָס באַוועגן זיך קוים, קוים;
עס וועלקט דער מענטש דאָ ווי אַ בלום,
נאַקעט — ווי אין האַרבסט אַ בוים.

עס שטינקט מיט ערוה דער אַרום
פון באַגינען ביז באַגינען,
דאָס לעבן גייט דאָ נאַקעט אום
קען זיך נישט קיין אָרט געפינען.

און ווער עס קומט נאָר דאָ אַהער,
יונגער מענטש צי גאָר אַן אַלטער —
דעם וועג צוריק שוין ווייסט נישט מער,
בלייבט שוין אייביק אַ פאַרגאַלטער.

הוירבי

ווער עס האַנדלט דאָ מיט גאָט,
צאָלט מיט עולם הבא —
הוירבי האַנדלט דאָ מיט גאָלד
ווי זיין זיידע אבא.

קויפט ער איין זיך אַל דאָס גוטס
באַ דעם מענטש פון נעכטן;
פאַר אַ דאָלער — אַ פאָר שיך
און אַ רינג אַ רעכטן . . .

באַלד פאַרקויפט ער עס צוריק
פאַר אַ גוזמא — זיכער.
קיינער איז צו אים נישט גלייך —
ער איז פלינק און גיכער.

שאַכער-מאַכערט ער מיט ברען,
זאַמלט אַ פאַרמעגן —
און פאַרריכטן אויך ער קען
דאָס וואָס איז פאַרלעגן . . .

ער קען מאַכן ניי פון אַלט
און פאַרריכטן זייגערס;
פאַר אַ דאָלער קען ער אויך
צושטעלן גלעגערס . . .

יחזקאל בראָנשטיין

פון באַגינען ביז באַנאַכט
יאָגט ער זיך אָן אויפהער,
און ער חוזק'ט און ער לאַכט
פון זיין בעסטן קויפער . . .

קיינער איז צו אים נישט גלייך
אויף דער גאַס דער „שיינער”;
הוירבי וויים אַז ער איז רייך —
קימערט אים נישט קיינער . . .

ווער עס דאַרף נאָר קומט צו אים
און פאַרזעצט דאָס בעסטע.
יענעם גיט ער בלויז אַ פייג —
לאָזט פאַר זיך דאָס גרעסטע . . .

הוירבי לעבט בלויז מיט דעם היינט,
טראַכט נישט פון דעם מאָרגן;
ס'איז דער דאָלער בלויז זיין פריינט,
האַלט ער אים פאַרבאָרגן . . .

און באַנאַכט — ווען אַלץ איז שטיל,
קינד־און־קייט שוין רוען —
היט ער ווי אַ הונט זיין געלט
ביז די פריסטע שעה'ן . . .

און באַם ערשטן בליאַסק אויף טאָג
ווען ער פגר'ט שלאָפן,
איילט ער שוין אַוועק אין קראָם
ווי מען וואָלט אים רופן . . .

צ ו ו י ש ן ט אָ ג א ו ן נ אַ כ ט

און אין רינשטאָק, אויף דער גאַס —
צווישן האָבאָס פוילע,
זשליאָקעט ער אַ קאַווע אוים
און פאַרשעמט די וואוילע

האָבאָס, וואָס פאַרשטייען אים
נ׳שפייען אויף זיין נאָמען:
„ס׳וועט דער שיילאָק נאָך מיט אונדז
אַוודאי אויך אומקומען . . .

און זיי גאַרטלען אים אַרום
מיט אַ הייסער שנאה,
אַז זיין פּנים פלאַמט אַזש אויף
און ער בייט זיין מינע . . .

ביז ער הויבט זיך אויף פון אָרט
און אַנטלויפט מיט ווייטיק,
און עס וואָרנט אים אַ קול:
ז י י ן אַ מ ע נ ט ש א י ז נ ו י ט י ק!...

יחזקאל בראָנשטיין

אַ נס

אַ נס וועט געשען
און קומען וועט דער
וואָס גאַרט אונדז צו זען
און קומען אַהער.

און קומען וועט ער
צו אונדז אומגעריכט
אַזוי ווי אַ גר —
מיט אָנזאָג אויף ליכט.

און ברענגען וועט ער
בטחון און טרייסט,
און ווערן וועט אַלץ
דערהויבן, דערלייזט . . .

מדבר

די שטילקייט פון דעם מדבר
גיסט אין מיר זיך איבער,
שטילט־און־שטעלט אין מיר זיך איין,
ווי אין קעלער
גוטער אַלטער וויין —
פלאַנצט און זינגט אין מיר זיך איבער,
זינגט און זינגט אין מיר זיך איבער,
ווי דאָס געזאַנג פון תהלים
אין ריטם פון בראשית׳דיקע לידער —
צווישן בערג און צווישן טאָל,
ווי אַמאָל, אַמאָל, אַמאָל,
ווען אדם און חוה
זיינען דאָ געווען,
אַלץ געהערט און אַלץ געזען . . .

דער מדבר
ליכט־און־שאָטנט זיך אין מיר אריין
פון באַגינען ביז באַגינען,
ווי דער טרוים פון געטער
וואָס האָט מיך, דעם מענטש — געפינען . . .
דער מדבר רעדט צו מיר
דורך זאַמד און שטיין,
באַרג און טאָל, ערד און שניי,
דורך דעם מויל פון אויפגעקרוינטן קאַקטוס,

יחזקאל בראָנשטיין

וואָס גרינט און גרינט זיך
קיינמאָל דאָ ניט אוים —
דורך דעם מויל פון קלאַפּער־שלאַנג
און געוויין פון דעם קאַיאָט,
דורך דעם מויל פון אַלץ וואָס איז אַליין און גרוים . . .

דער מדבר נעמט מיך אַרום ווי אַ מאַמע,
פאַרשלינגט מיך מיט דעם רייץ
פון ווילדקייטן שיינע,
פאַרזונט מיך מיט חן
צו דער רחבות פון לעבן אינדרויסן,
מיך, דעם מענטש
פון אומרו פון גרויסן —
און אייגנט מיך צו
צו זיין ווייסער ערד,
און אייגנט מיך צו
צו שטילקייט און רו —
און וועקט אין מיר די זעאונג
פון אַ וויטן לעבן,
די ליכטיקע זעאונג פון אחרית הימים . . .

יאַן און יאַנע

די נאַכט האָט זיי געטראָפן
אויף די שטיגן פון אַ שול,
ס׳איז יאַן אַהער געלאָפן
אין לבנה־שיין ווי דול . . .

ס׳האָט יאַנע דאָ געשוויגן,
מיט די אויגן בלויז גערעדט;
די ליבע האָט געשריגן,
אַז ס׳איז קיינמאָל גאָרניט שפּעט . . .

ס׳האָט אַ קעצל געמיאַוקעט,
עס האָט קיינער ניט געהערט;
אַ זשאַבע האָט געקראַקעט
און דער ליבע נישט געשטערט . . .

דו ביסט נישט אַליין

ס'איז יאַנע פאַרזאָרגט דאָ געשטאַנען,
אין שניי זיך געררויטלט מיט חן,
און יאַן האָט איר אומרו פאַרשטאַנען,
געטרייסט איר: דו ביסט נישט אַליין . . .

מיר וועלן גענוג היינט נאָך פאָרן,
און מיילן פאַרשלינגען אַ סך;
דו זאָלסט נאָר קיין ליבע ניט שפּאָרן,
אַ נאַ דיר אַ קוש פאַר אַ לאַך!

אָט פאָרט אַ מאַשין איצט פון ווייטן,
ווי גוט ס'איז צו פליען אין שניי! —
באַשערט איז אויף טאָג אונדז צו רייטן,
אונדז ביידע אַליין נאָר, אונדז צווי.

מיר וועלן די בערג נאָך באַצווינגען,
מיר ביידע, מיט אונדזער געזאַנג;
גאָט אַליין וועט אונדז הערן זינגען —
מיר וועלן ניט זאַמען דאָ לאַנג.

זאָל דער שניי זיך פאַלן, פאַלן

דער שניי האָט זיך צוערשט ווי אויף שפּאַס באַוויזן,
שטיפעריש און ווילד געפאַלן;
די בערג האָבן פון ווייט זיך געשטאָלצט ווי ריזן:
זאָל דער שניי זיך פאַלן, פאַלן!

האָט דער שניי זיך צוערשט צעוואַסערט אין בלאָטע,
און באַלד זיך גענומען לייגן
מיט דעם חן פון ווייסער אויפגעפּוכטער וואַטע
אויף די שמאָלע מדבר-וועגן.

דער פאַרקער האָט זיך באַלד ווי גענומען צוימען
אין גאָר דער שפּעטער מאָרגן-שעה,
פון ווייט האָט זיך געשלענגלט אַ רויך פון קוימען,
הינטער דעם מדבר-שטעטל, דאָ . . .

יחזקאל בראָנשטיין

אין זאַווערוכע

אַ מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט
אין זאַווערוכע,
זיי ביידע פאַרבעטן צו זיך אין מאַשין.
— מאַך, יאַנע, איך זאָג דיר —
אויף גיך אַ ברכה,
מיר פאָרן שוין זיכער אהער־און־אהין!

ס'איז יאַנע מיט אַ שמייכל
אין מאַשין אַריין,
און יאַן האָט צופרידן דאָ אויך זיך באַזעצט.
— ווי געפעלט אייך אַ וועטער?
ס'איז אסור באַקוועם
צו שטיין איצט אינדרויסן און ווערן פאַרנעצט! ...

ס'האָט יאַנע זיך פאַררויטלט
און הויך געשוויגן,
און יאַן האָט זיך צוגעניצט דאָ אויף אַ קול:
— מיר זיינען ערשט פאַרפאָרן,
זאָגט יאַן אַ ליגן —
דו ווייסט אפשר יאַנע, ווי שפּעט ס'איז צומאָל?

— צייט צו עסן וואַרימעס ... —
האָט יאַנע געשפּאַסט,
און דער מענטש האָט סאַרקאַסטיש זיך הויך צולאַכט:
— אַז פאַר גאַז צאָלט אַ צווייטער,
עסט זיך גאָר גרינגער, —
האָט דער מענטש מיטאַמאָל זיך היימיש געמאַכט.

דער שניי האָט זיך געזילבערט
געמיטליך און שיין,
און יאַנע האָט באַלד שוין דאָס עסן סערווירט;
דער מדבר האָט געשוויגן,
געהערט און געזען
ווי האַנט האָט מיט ליבשאַפט מיט האַנט זיך באַרירט ...

טו זיך אוים...

טו זיך אוים פון דיינע ליידן,
וואַרף פון זיך אַראָפּ דעם שטויב,
זע, דיין גורל נישט פאַרמיידן
און גיב אָפּ פאַר אַלץ אַ לויב . . .

גורט זיך אָן מיט מוט און גלויבן
און באַפריי זיך פון דיין יאָך,
זאָל דיך יעדער זען אין לויבן
אַ געלייטערטן דערנאָך.

דער גאַסט

די נאַכט איז שטיל,
דו ביסט אַליין;
ס'איז גאָט ווי דו —
אַליין, אַליין . . .

עס וואַרט אויף דיר
אַ טאָג מיט האַסט,
וואָס חוזק'ט שטיל
פון דיר, דעם גאַסט . . .

יחזקאל בראָנשטיין

געזאַנג פון דורות

דאָרט וואו איינער האָט פאַרענדיקט
הויבט אַ צווייטער אָן זיין גאַנג,
כאָטש דאָס לעבן פון אַ צווייטן
דאָ געדויערט אויך נישט לאַנג . . .

ווידערהאָלט זיך אַלץ דאָסזעלבע,
אַלעמאָל — דאָסזעלבע דאָ:
אָט, ביסטו דאָ ערשט געווען
און אָט שוין — דו ביסט נישטאָ . . .

ס'איז די מעשה גאָר אַן אַלטע
און צומאָל אויך אפשר ניי,
כאָטש זי ציט זיך פון פאַרצייטן
ווי פון יאָר־צו־יאָר דער מאַי.

מענטשן ווי די בוימער בליען
און זיי מערן זיך אַ סך,
דורות קומען, דורות גייען,
קיינער איז צום צווייטן גלייך . .

דער פאַרלייקנט יענעמס אויפטו
און אַ צווייטער האַלט זיך פרעמד
פון דעם ערשטנס מי און אַרבעט,
וואָס אַ דריטער גאָר פאַרלענדט . . .

דורות גייען, דורות קומען,
לאָזן הינטער זיך אַ סליאַד
פון אַ לעבן פון אַ שטומען,
וואָס איז פרעמד דעם היינט כמעט . . .

איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק

איך דאַנק פאַר אַלץ, פאַר אַלץ ביז גאָר —
פאַר טעג און נעכט, פאַר פולע יאָר —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק פאַר דעם וואָס כ׳בין נאָך יונג
און וויים דעם טעם פון זונג און שפרונג —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק פאַר גרין פון בוים באַם הויז,
און אויך פאַר קינד אויף מאַמעס שויס —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס גייט פאָראויס
און שטרעבט צו אַלץ וואָס שיין איז, גרויס —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק פאַר דעם וואָס איז געווען:
פאַר ווייב און קינד, פאַר זיך־אַליין —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס איז שוין גרייט
צו טיילן אַלץ מיט פרייד, מיט פרייד —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

יחזקאל בראָנשטיין

איך דאַנק דעם מענטש וואָס קעמפט אין שלאַכט,
דעם שונא שלאָגט באַטאָג, באַנאַכט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס צינדט דעם טאָג,
דעם שונא בייטשט, פאַריאָגט, פאַריאָגט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס טראָגט די פאָן
אַנטקעגן טאָג, אַנטקעגן זון —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס וואַרפט מיט האַסט
אין כּף הקל, דעם שונא'ס לאַסט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס גאַלט מיט שפּאָט
פון שונא'ס חוצפּה, זיין געבאָט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס ברענט מיט מוט
און שלאָגט מיט כּח זיך ביז בלוט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס טראָגט די לאַסט
פון קריג מיט שטאָלץ, און ליבט און האַסט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק פאַר דער נקמה, שוין —
וואָס שטראָפט און ווייסט ניט פון קיין לוין —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס שטעלט זיך איין
פאַר פאָלק און לאַנד, פאַר לעבן מיין —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס שאָלט מיט פרייד,
בשעת ער טויט דעם פיינט וואָס גייט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס פירט, דערהויבט —
דער מענטש וואָס פירט, זאָל זיין געלויבט! —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס טויט די שלאַנג
און שפּאַנט פאָראויס, מיט מוט, אָן באַנג —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק פאַר ליד וואָס רופט צו זיג,
און מוטיקט זעלנער אויף צום קריג —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש פון דער פאַבריק,
וואָס שאַפט פאַר פאָלק־און־לאַנד דאָס גליק —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש וואָס זייט מיט מי,
עקשנות׳דיק פון פרי־ביז־פרי —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק די טעכטער פון מיין לאַנד,
וואָס קעמפן מיט די זין ביינאַנד —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

צ ו ו י ש ן ט אָ ג א ו ן נ אַ כ ט

איך דאַנק דעם מענטש וואָס קעמפט און גלויבט
אין זין פון דעם וואָס ער צעשטויבט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך דאַנק דעם מענטש — דעם העלד פון היינט,
וואָס קעמפט ווי לייב מיט ערגסטן פיינט —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

איך בויג מיין קאָפּ מיט שטאָלץ אַליין,
איך דאַנק פאַר אַלץ און זאָג: אָ מ ן . —
איך דאַנק פאַר אַלץ, איך דאַנק.

יאָסל
לידער און פּאָעמעס

דעם אנדענק פון
יוסף הירש פינקעלשטיין
געהייליקט
אומגעקומען אין אַ מיליטערישער שליחות
פון אונדזער לאַנד, ווי אַ פּילאָט פון אַ
בי־29, איבער דעם פּאַסיפיק, אין מאַי,
1945, אין דעם עלטער פון 22 יאָר.



ליוטענאַנט יוסף הירש פינקעלשטיין

אין שאָטן פון דורות —

(ערשטער אַריינפיר)

מיר וועלן זיך טרעפן באַם ראַנד וואו אַליין,
כאָטש קיינמאָל וועט מער שוין ניט זיין וואָס געווען.
דער אָוונט וועט גריסן אונדזביידע באַם ראַנד,
אונדז ביידע פאַרוויגן אין שניי־ווייסן לאַנד
אין שאָטן פון דורות, פון קיינעם געזען —
אויף תמיד פאַרגעסן, אויף תמיד אַליין . . .

דאָס לעבן וועט בליען און וועלקן ביינאַנד
אַנטקעגן דעם הימל וואָס נויגט זיך באַם ראַנד,
און ביידע מיר וועלן זיך בערגלען מיט רייץ
אַהינטער די שאָטנס פון גאָלדענעם ווייץ,
וואָס וועלן זיך וויגן אָן אויפהער אַזוי,
דעם אָנדענק פון ביידע פאַרפערלען מיט טוי . . .

יחזקאל בראַנשטיין

צום גאולה-טאַנץ

(צווייטער אַריינפיר)

דער הימל אַ בלויער
און דו איצט אַליין,
מיין האַרץ — פול מיט טרויער
גייט-אויס פון געוויין.

דער טאָג אַזאַ שיינער,
און דו — אַזוי ווייט;
עס הערט דאָ נישט קיינער
דיין בלוט ווי עס שרייט . . .

איך זוך דיך מיט נייגער
און בענקשאַפט אין בליק.
אָ, ווען וועסטו יינגל
שוין קומען צוריק?

איך וואַרט דאָ געדולדיק,
אַ מידער, אַליין;
איך גלויב און איך האָף נאָך —
אַ נס וועט געשען . . .

די נאַכט וועט אַריבער —
ס'וועט קומען דער טאָג,
אין חשך פון גריבער
וועט שטילן די קלאָג.

צווישן טאָג און נאַכט

און ביידע מיר וועלן
זיך טרעפן באַם ראנד,
משיח וועט פירן
אונדז דאָרט באַ דער האַנט . . .

אַ נייער בראשית
וועט אויפגיין מיט גלאַנץ,
משיח וועט פירן
אונדז ביידע צום טאַנץ,

צום טאַנץ פון גאולה
וואָס קומט אומגעריכט,
און שפּרייט־אויס מיט חסד
פאַר אַלעמען ליכט . . .

מיין ליד

(דריטער אַריינפיר)

אַ קום מיין ליד, אַנטפּלעק זיך ווידער
פון טיפסטער טיפעניש, פון נידער —
און גורט מיך אָן מיט מוט און גלויבן,
און ווער מיט מיר אויף גיך דערהויבן. —

אַ קום מיין ליד, אַנטפּלעק זיך ווידער,
און ווער דאָס ליד פון מיינע לידער.

אַ קום מיין ליד פון נאָנטסטן גיהנם,
וואָס פלאַמט מיט שאַנד און טוט נאָר שמ'ן
מיט מיתות מאָדנע, נישט-געהערטע —
פון מענטש און גאָט-אַליין פאַרווערטע. —

אַ קום מיין ליד, דערהויב מיך ווידער,
און ווער דאָס ליד פון מיינע לידער.

אַ קום מיין ליד פון אַלע שטויבן,
ווער געלייטערט און ווער דערהויבן
צו דעם באַרוף פון לעבן ווייטער
און זען אַליין זיך אַ באַפרייטער. —

אַ קום מיין ליד פון נאָנטסטן גיהנם,
און זע מיין שטאָם זאָלסט נישט פאַרשעמען.

דיין נאָמען

(פּערטער אַריינפּיר)

דיין נאָמען לויכט ביי מיר אין דמיון
ווי אַן עמוד אש אין וועג.
וואו ביסטו, זאָג, אַהינגעקומען? —
וויין־איך־אויף מיט בלוט און פּרעג.

איך זע דיך תמיד פאַר די אויגן,
כאָטש איך וויים — דו ביסט ניטאָ;
מיין אָדלער איז אַוועקגעפלויגן
און מיט אים — מיין רו, מיין רו . . .

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגל . . .

(מעשה יאָסל)

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגל מיט דעם נאָמען יוסף פּינקעלשטיין. איך האָב אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. און טאָקע דערפֿאַר וואָס איך האָב אים שטאַרק ליב געהאַט, האָב איך אים גערופֿן — יאָסל.

אַלעמאָל, בשעת איך האָב זיך געפֿונען אין זיין אומגעבונג — בין איך געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, און איך האָב ליב געהאַט צו זען ווי ער שפּילט זיך, אים הערן ריידן און אַפֿילו — שווייגן . . .

און כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן אויף דער היגער — אַמעריקאַנער — ערד, און שפּראַכליך נישט אויסגעמידן דעם גורל פֿון אַלע אונדזערע קינדער, האָט ער זיך אַלעמאָל באַמיט מיט מיר צו ריידן אויף דער שפּראַך אין וועלכער איך האָב צו אים גערעדט: ייִדיש.

זיין ליבשאַפֿט צו ייִדיש איז בײַ אים אגב געווען אַ נאַטירלעכע, צוליב דער פֿאָלקסטימלעכער אַטמאָספֿערע אין דעם הויז פֿון זיינע עלטערן, וואו ער האָט זיך געהאָדעוועט און דערצויגן, און טיילווייז אויך צוליב דער השפּעה פֿון דער ייִדישער שול וואָס איז אים באַשערט געווען צו באַזוכן אין זיין פֿריסטער יוגנט, און אים אויף אייביק צוגעבונדן צו אונדזער ייִדיש לעבן.

ווען איך האָב זיך מיט יאָסלען דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, האָבן זיינע אויגן נאָך שטיפֿעריש געשמייכלט מיט דעם חן פֿון אַ קינד וואָס קוקט מיט חידוש אויף אַלץ וואָס עס קומט אים אַנטקעגן.

מיטאַמאָל האָט ער גענומען זיך הויבן און וואַקסן, און זיך אַנטוויקלען פֿלינק. ווי דורך אַ נאַכט איז ער געוואָרן הויך, און גרויס און שיין, און גאָר גרויסע האָפֿענונגען אין אונדז אַלע געוועקט לגבי זיך און זיין פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט און מיט יעדן טאָג מיט זיך געבראַכט אַלץ נייע און נייערע איבעראַשונגען.

צווישן זיין מעטאַלענער, ברייט־פּלייציק און הויך־וואוקסיקער פֿיגור און זיין וואונדערליכן אינטעלעקט, איז אַלעמאָל אַנגעגאַנגען

אַ שטומער געוועט פון יאָגן־און־אַריבעריאָגן איינער דעם צווייטן. און מיט אַ ריינעם געוויסן וויל איך דאָ זאָגן, אַז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן נישט פאַרשעמט.

יאָסל איז אויסגעוואָקסן צו זיין זייער אַ געראָטענער מענטש, מיט אַ זעלטענעם געפיל פאַר יושר, וואָס ע ר האָט אַזוי טראַגיש דער־מאָנסטרירט מיט זיין יונגן לעבן וואָס ער האָט פ ר י י ו ו י ל י ק מקריב געווען אין קאַמף פאַר אַ שענערער וועלט.

יוסף הירש פינקעלשטיין, יאָסל, ווי איך האָב אים אַלעמאָל ליב געהאַט צו רופן, דער העלד פון מיין בוך — איז געבוירן געוואָרן אין ניו יאָרק, דעם 8־טן פעברואַר, 1923.

אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע, איז יאָסל אַלט געווען 14 יאָר. זיין יונגשאַפט האָט אים אָבער נישט נאָר געשטערט, נאָר אין געגנטייל, אים גאָר סטימולירט צו נעמען אַ גאָר גרויסן אינטערעס אין די טאָג־טעגלעכע געשעענישן פון־און־אַרום דעם פאַרשאַרפטן בירגער־קריג.

דער אויפשטייג פון פאַשיזם איבער דער גאַנצער וועלט, און די גרויזאַם שרעקלעכע ליידן וועלכע די אייראָפּעאישע פעלקער בכלל און דאָס אידישע פאָלק בפרט, האָבן געליטן פון די נאַצישע רוצחים, האָט אים ניט געלאָזט רוען.

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מינוט, ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וועט אָננעמען פּרעזידענט רוזוועלטס עצה און אָפּען אַריין אין קריג מיט די נאַצישע רוצחים.

באַלד נאָך דער אַטאַקע אויף „פּוירל האַרבאָר”, ווען אַמעריקא איז אַריין אין דעם צווייטן וועלט־קריג — שליסט זיך יאָסל פריי־וויליק אָן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אים ווילט זיך דווקא ווערן אַ פליער, און — ער ווערט עס אויך. ער פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין דעם לופט־פלאָט. עס קומט אים ניט אָן שווער; זיין פּערזענלעכקייט און הויכע אינטעליגענץ עפענען פאַר אים אַלע טירן.

ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן וואָס מען באַדאַרף דורכמאַכן באַם לערנען זיך אַלס פליער, מאַכט יאָסל דורך דעם קורס מיט די בעסטע אויסצייכענונגען, ווי אַ פליער פון אַ ב־17.

באַם פאַרענדיקן דעם קורס שלאָגט אים די רעגירונג פאָר, צו ווערן אַ לערער פון אַוויאַציע פאַר דער צייט פון דער מלחמה. ער אַנט־זאָגט זיך דערפון קאַטעגאָריש. ער וויל, טענה׳ט ער — אַליין אַנטייל נעמען אין קריג, אין שלאַכטן, ער וויל נעמען נקמה פון די רוצחים פאַר די מענטשלעכע ליידן.

די רעגירונג שלאָגט אים דאַן פאָר זיך צו לערנען ווערן אַ פּילאָט פון אַ ב־29, דער סאַמע נייסטער, קאָסטבאַרסטער און גרעסטער עראָ־פּלאַן.

יוסף כאַפּט זיך אָן דעם אָן מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין יוגנט. און ניט קוקנדיק אויף די גרויסע טעכנישע שוועריקייטן, צוליב דעם געבוי פון דעם פאַנצער־עראָפּלאַן ב־29 — געפינט ער זיך אויך דאָ באַלד ווי ביי זיך אין דער היים, און ער פאַרענדיקט אויך דעם דאָזיקן קורס דערפאָלגרייך.

אין מערץ, 1945, שיקט מען אים אַוועק איבער דעם פּאַסיפיק, וואו ער באַטייליקט זיך דירעקט אין די שלאַכטן מיט די יאַפּאַנעזער.

דעם 5־טן מאַי, 1945, אין אַ מוראדיקער שלאַכט מיט די יאַפּאַנעזער, ווערט זיין עראָפּלאַן שטאַרק באַשעדיקט און ער פאַלט אַ ברענענדיקער אַריין אין ים אַריין.

זאָלן די יאָסל־לידער וואָס איך טראָג דאָ אונטער מיינע לייענער, דינען ווי אַ באַשיידענע באַמיאונג פון מיין זייט, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַ זעלטן געראָטענעם היינט־צייטיקן יונגן יידישן מענטשן, יוסף פינקעלשטיין, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך מקריב צו זיין פאַר דער אילוזיע פון וועלן איינשטעלן אַ בעסערע און שענערע וועלט, פאַר דעם וואוילזיין פון דער גאָרער מענטשהייט.

גיב מיר כח —

גיב מיר כח דאָ צו וואַרטן
אויף דיין קומען, אויף דיין גיין,
לאָז מיך דאָ נישט קיין געגנאַרטן
מיט מיין אומעט און אַליין.

גיב פון ווייט מיר דאָ אַ צייכן,
לאָז מיך הערן כאָטש דיין קול,
לאָז מיך דאָ ניט שטיין אַ בלייכן
אין דעם שאָטן פון אַמאָל.

זאָל דיין ליכט אויף מיר דאָ פאַלן
ווי אַן עכאָ פון דער ווייט,
ווי דער שטויב פון זונען־שטראַלן
אין דעם אויפטאָג פון דער צייט.

דאָס הויז

אויף אַן אָפּגעלייגטער גאַס
צווישן הייזער אַלערליי,
שטייט אַ ווייס און הויכע הויז,
און דאָס הויז האָט גאָרן צוויי.

אויף דעם אויבערשטן עטאַזש,
אין דער רחבות פון דעם הויז —
שפּאַנט דאָס לעבן דאָרט אַרום
שטאָלץ און ליכטיק, הויך און גרויס.

און דאָס לעבן ברויזט און זשומט
און עס עכאָ'ט-אָפּ פון ווייט.
אָפטמאָל דוכט זיך אַז עס ברומט,
און צומאָל גאָר — אַז עס שרייט . . .

פּיסלעך הויבן זיך צום טאַקט,
און די מיילער מאַלן הויך
וואָס די מאַמע קאָכט און באַקט,
אַז עס גייט אַזש דוכט אַ רויך . . .

טירן בריאַזגען הין-און-הער,
און די קולות — הויך און שטאַרק —
רעזאָנירן פון דער ווייט,
ווי אַ וואַסערפאַל פון באַרג . . .

יחזקאל בראָנשטיין

קינדער יונגינקע און קליין
רוישן, זשומען אָן אַ סוף.
אַלע זיינען פול מיט חן
אין דעם קלעטער באַרג-אַרויף . . .

אַלע, אַלע, דריי אין צאָל —
זשומען ווי די בינען דאָ.
ס'איז דאָס הויז מיט זיי דאָ פול —
קיינער ווייסט נישט פון קיין רו . . .

פון באַגינען ביזן אָוונט
און פון אָוונט ביז צום שלאָף,
רוישט דאָס לעבן אָן אַן אויפהער
און עס ווייסט נישט פון קיין שטראָף . . .

און אין שלאָף אפילו הערט זיך,
ווי אַן עכאָ פון דער ווייט —
ווי עס שטיפט אַרום דאָס לעבן,
לאַכט און הירזשעט הויך און שרייט . . .

באַגינען

די זון האָט זיך אַריינגעזונט
צו די קינדער אין בעט,
און די מאַמע — מיט אַ געגעניץ,
האָט מיט ליבשאַפט גערעדט:

„ס'איז שפּעט, קינדער. גיט זיך אַ ריר,
שוין צייט צו גיין אין שול!" —
דאָס הויז האָט זיך אַ וויג געטאָן,
מיט פרייד געוואָרן פול . . .

ס'האָבן מיילער זיך געעפנט,
פיס גענומען שפּרינגען.
און די מאַמע מיט די קינדער —
שטיפן שוין און זינגען . . .

דער פעלט אַ זאָק און דעם — אַ שוך,
אַ בלוזקע איז נישטאָ! —
די מאַמע איילט אַוועק אין קיך,
עס שלאָגט די אַכטע שעה . . .

„חברה פרעסער, זאָגט, וואָס ווילט איר," —
הערט זיך אַ קול פון קיך.
„איך וויל לאַטקעס," ענטפערט איינע —
און לויפט פאַרביי אויף גיך . . .

„איילט זיך, קינדער — קומט צום טיש שוין,
ס'איז אַלץ פאַר אייך שוין גרייט!"
און די קינדער איילן, עסן —
און דער מאַמעס האַרץ זיך פרייט. —

יאָסלס שבועה

ס׳האָט מיין מאַמע דאָ געבלוטיקט
און מיין וויג איז דאָ געשטאַנען,
וויל איך זען דיך לאַנד אינגאַנצן —
וויל איך זיך מיט דיר באַקאָנען.

כ׳האָב געגנוג געלייענט אין ביכער
פון דיין רחבות און פאַרמעגן,
גאַר איך דיך צו זען וואָס גיכער
און קיין קשיות מער נישט פרעגן . . .

כ׳וויל זיך לאַנד מיט דיר באַהעפטן,
דיך פאַרשטיין און דיך באַנעמען;
כ׳שווער, איך וועל דיך נישט פאַרראַטן
און דיך קיינמאָל נישט פאַרשעמען . . .

יאָסלס נסיעה

ס׳האָט יאָסל פאַרטראַכט
אַ רייזע און — גאָר.
האָט טאַטע געלאַכט
פון קינדערשן טור.

האָט יאָסל מיט פליים
געאַרבעט, געשפאָרט;
די אַרבעט פאַלט לייכט —
ער פאָרט נאָר און פאָרט!

ס׳איז חשך אין שאָפּ —
דער דרויסן איז גרין!
ס׳געזאַנג פון זיין האַרץ
פאַרטויבט דער מאַשין . . .

שטייט יאָסל און טראַכט
פון דעם וואָס עס קומט;
אים אָרט נישט דער שאָפּ —
ער זעט אַלץ און ברומט

צום טאַקט פון זיין האַרץ
אַ ניגון מיט פרייד;
אַ ניגון וואָס רופט
צום לעבן אָן רייד . . .

ביז ענדליך עס קומט
דער טאָג פון באַשייד,
און יאָסל שטייט־אויף
מיט געזאַנג און פרייד . . .

ער פּאַקט זיך אין וועג
מיט אימפּעט און פלינק —
אַ אָדלער וואָס פליט
אַ שטאָלצער און גרינג . . .

אים פאַלט פון די הענט,
עס שווינדלט זיין קאָפּ;
אים דוכט זיך ער פליט
און פאַלט באַלד אַראָפּ . . .

ער זינגט און ער לאַכט,
ער טאַנצט און ער שפּרינגט.
אים דוכט זיך, ער הערט:
דאָס טיר־גלעקל קלינגט . . .

ער לויפט צו דער טיר,
פאַרגעסט וואו ער האַלט —
עס גריסט אים אַ ווינט,
אים דוכט — ס'איז אַ וואַלד . . .

ביז ענדליך עס שלאָגט
די זיבעטע שעה,
די טיר פּראַלט זיך אויף:
— מיר זיינען שוין דאָ! . . .

צווישן טאָג און נאַכט

עס שטעלט זיך אַריין
אַ גרופּע פון דריי,
יאָסל ווערט ווידער
שוין פריילעך אויפסניי . . .

ער האָוועט און שוויצט
און רעדט גאָר אַ סך;
מיט חכמה ער בליצט —
צו קיינעם נישט גלייך . . .

די אויגן ברענען
און זיין פּנים פלאַמט,
ס׳האָט מאַמע אַ סוד
אים דאָ איינגעראַמט . . .

קומט חברה עסן! —
רופט ער פּלוצים אויס,
און שמייכלט היציק
אין זיין פולער גרויס.

עס קלינגט דאָס געשיר
אין דער מאַמעס האַנט,
צום ריטם פון פיר
בעסטע זין פון לאַנד . . .

די מאַמע דערלאַנגט
מיט דער פולער האַנט,
די מיילער קנאַקן
פריי און, אומגעצאַמט . . .

עס שטייט נישט די צייט
און די אומרו יאָגט.
עס רופט ווער און שרייט:
נעמט וואָס איר פאַרמאָגט . . .

נעמט יעדער זיין פּאַק
און — היידאַ אין וועג
אויף פערד, וואָס לאָזט זיך
אַוועק אין געיעג . . .

ס׳בלייבט מאַמע אַליין,
פאַרצאָרנט און שטיל;
איר זון איז שוין גרויס —
ער טוט וואָס ער וויל . . .

אין אַ שפּעטער שעה

אין אַ שפּעטער שעה באַנאַכט,
זיצט נאָך יאָסל אַלץ און טראַכט
פון אַ לעבן רייף־און־שיין.
אויף זיין פּלייצע — ברייט און שלאַנק,
ברעכט אַ וועלט זיך — אַלט־און־קראַנק,
און עס הערט זיך אַ געוויין . . .

ער באַוועגט זיך הין־און־הער
אויף זיין בענקל האַרט־און־שווער,
און ער אָנט און הערט און זעט:
הענט באַוועגן זיך אַרויף
מיט אַן אימפּעטיק געלויף
און אַ שנאה וואָס באַשווערט . . .

מענטשן יאָגן זיך פאַרביי,
וועלדער גאַנצע ריי נאָך ריי! —
אַז עס ציטערט אַזש די ערד . . .
— ווער עס איז מיט אונדז — זאָל גיין,
נישט פאַרשעמען גאָט אַליין —
טיילן גורל וואָס באַשערט . . .

יאָסלס פּנים פלאַמט־און־ברענט,
פון דער זעאונג וואָס פאַרבלענדט
אין דער שפּעטסטער שעה אַצינד.

יחזקאל בראָנשטיין

זיינע אויגן — ברוין און מילד,
און דאָס האַרץ זיינס — היים־און־ווילד,
ברויזט מיט שטורם ווי אַ קינד.

ביז עס פאַנגט אים שטיל דער שלאָף,
וואָס באַפאַלט אים ווי אַ שטראָף
און באַרואיקט זיין געמיט . . .
און אין שלאָף ערשט חלומ'ט ער
ווי עס פירט אַוועק אים ווער,
פירט און פירט אים מיט־זיך מיט . . .

ביז ער לייזט זיך אויף אין טרוים
און ער זעט אַליין זיך קוים —
בלויז אַ סילועט וואָס גרויט . . .
און אַזוי פאַרשווינדט די נאַכט
און עס חוזק'ט ווער און לאַכט
אין דעם מאָרגנליכט וואָס בלויט . . .

יאָסל

לכבוד יום טוב האָט דיין מאַמע
דאָ אַ סעודה היינט געגרייט.
ס'האָט זיך יעדערער געפעדערט
פרי צו קומען, — ניט זיין שפּעט.

ס'איז געקומען דער און יענער,
די חברים דיינע אויך —
בא דער פּיאַנאָ, אין אַ ווינקל —
האָט געגעבלט זיך אַ רויך . . .

ס'איז דאָס הויז געווען באַלויכטן
און פאַרשמעקט די גאַנצע גאַס,
ס'האָט די ראַדיאָ געזשומעט
און מיט דיר האָט ווער געשפּאַסט . . .

ס'האָט דיין מאַמע זיך געטומלט
און גע'בריה'ט זיך אין קיך.
איך אַליין נאָר האָב ווי תמיד
פון דער ווייט באַוואונדערט דיך . . .

ווי דו בריה'סט זיך מיט חשק
נעמען בילדער דאָ אין הויז,
דאָ — אַ לאָמפּ. און דאָרט — אַ לעמפּל,
אין איין שורה קליין און גרויס.

י ח ז ק א ל   ב ר אָ נ ש ט י י ן

דו באַוועגסט זיך ראַש־און־רירנד,
און מושטירסט אונדז אויס אין ריי:
אַט, אַזוי — אַזוי איז בעסער!
פּלוצים, אַנדערש — ערשט אויפסניי . . .

ביז ס'געלינגט דיר אונדז באַזעצן
לויט דיין ווילן — דיין קאַפּריז.
און עס דוכט זיך אונדז: מיר זיצן
אַלע אין אַ פּאַראַדיז . . .

און דו רויטלסט זיך און שמייכלסט,
און דו נעמסט אונדז בילד נאָך בילד.
מיטאַמאָל אַ גרויסער בחור —
מער קיין יינגל, מער נישט ווילד . . .

און באַם טיש איך באַט דיר אָנעט
טרינקען אַ לחיים איצט;
גיסט אַריין אַ קליינע כּוס'ע —
דו פאַררויטלסט זיך און שוויצסט . . .

אַלע לאַכן מיר אינאיינעם,
אַלע פרייען זיך מיט דיר;
דו אַליין נאָר זעסט ניט קיינעם,
רויטלסט דאָ זיך לעבן מיר . . .

און דערנאָך ערשט, נאָך דעם עסן —
ווען מע רעדט פון שלום, קריג;
ווען דער שפּאַס איז שוין פאַרגעסן
און מ'איז ערנסט ווידער צ'ריק —

צווישן טאָג און נאַכט

לאָזטו ווידער דאָ זיך הערן
און דערקענען אויף דאָס ניי,
און מיר הערן אוים דיך גערן
ווי דו דעבאַטירסט דאָ פריי.

און כאָטש עס היצן זיך די זקנים
און זיינען דיך מבטל גאָר,
בלייבסטו גאָרניט שולדיק קיינעם
און דו בליצסט מיט ענטפערס נאָר . . .

און שפּעטער, נאָך די ראַדיאָ-נייעס —
באַ דער מאַפּע אויף דער וואַנט,
שטייסטו מיט פאַרכאַפּטן אָטעם
און דו טייטלסט מיט דיין האַנט.

און דו קהל'סט זיך און דו היצסט זיך
ווי אַ חסיד'ל מיט ברען,
ביז עס ווערט אויפסניי ערשט ווידער
קלאָר פאַר אונדז דאָ וואָס עס קען

דער וואָס איז נאָך אַלץ אַ יינגל
מיט אַן אַלטן קאָפּ אויף זיך,
און ווי פריער, פון אַ ווינקל —
שווייג איך און באַוואונדער דיך . . .

ביז דער עולם, זאַט און מידע —
הויבט זיך אָן צוגיין, צוגיין,
און אַ שטילער און אַ מידער
בלייבסטו דאָ מיט זיך אליין

אין דיין צימער בײַ דיין שרייב-טיש
צווישן ביכער גרוים-און-קליין,
ביז דיין מאַמע שלאָגט דיר איבער:
ס׳איז שוין צייט צו שלאָפן גיין . . .

מאַכט דער שלאָף דיר צו די אויגן
און דו זעסט זיך ווייט און הויך,
ווי אַ פליער איבער ימ׳ן
אַז עס הויבט זיך אַזש דער מח . . .

ביז עס רייסט דיך אויף דער זייגער
פון דיין חלום, פון דיין שלאָף —
און דו נעמסט מיט פליים זיך ווידער
גרייטן, צו דיין גרוים-באַרוף.

און אַזוי-אָ, גוטער יינגל —
שפּאַנסטו איין זיך אין דעם יאָך
פון אַ פליער אין דער לופטן,
וואָס וויל פליען נאָך-און-נאָך.

ביז דו הויבסט זיך אויף אַ בראַווער
אין דער שליחות פון דיין לאַנד,
און דו פאַלסט אַוועק מיין חבר
מיט דעם רעדל אין דיין האַנט . . .

יאָסלס צימער

יאָסלס צימער איז באַשיידן
און דערצו נאָך שמאָל און קליין.
יאָסלען הערט מען זעלטן ריידן —
ער איז אָבער פול מיט חן.

אויף זיין שרייב-טיש שטייט אַ גלאָבוס
און אַ מאַפּע אויף דער וואַנט.
אייביק שווייגט ער דאָ און חלומ'ט,
און פון שיינקייט בלויז ער אַנט.

הויפּנס ביכער אין אַ שאַפּע,
און צומאָל אויך אויף דער ערד;
אייביק קנעלן אָן אָן אויפהער,
איז אים תמיד דאָ באַשערט.

טיר און פענצטער תמיד אָפן,
און אַ בעטל דאָ באַם זייט;
ווער עס זעט אים טוט נאָר גאַפן
און באַוואונדערן פון ווייט.

תמיד זיצט ער דאָ צעכראַסטעט
און צעשויבערט ווי אין טרוים,
קיינמאָל הערט מען אים זיך קלאָגן
און ער בליט נאָר ווי אַ בוים.

י ח ז ק א ל   ב ר אָ נ ש ט י י ן

אין אַ ווינקל אויפן דיל דאָ
ליגן רונדע אייזנס צוויי,
סטימולירן זיי זיין כח —
מאַכט ער איבונגען מיט זיי.

און אַז מאַמע רופט אים עסן
אין אַ שפּעטער אָוונט-שעה,
זיצט ער אַלץ נאָך ווי פאַרגעסן
און ער חלומ'ט אַלץ נאָך דאָ.

בלייבט די מאַמע אין אַ ווינקל
מיט אַן אָפן מויל, פאַרגאַפט;
זי באַוואונדערט איצט איר ייִנגל,
שטום, אָן ווערטער — און זי גאַפט . . .

יאָסל ווערט אַ פּילאָט —

(א)

באַ דער מאַפּע אויף דער וואַנט
פליט אַרום נערוועז דיין האַנט
צווישן שפּילקעס, רויט און שוואַרץ —
צו דעם ריטם פון דיין האַרץ.
און דיין שטרענגער בליק — ער זוכט,
וואָס דו גאַרסט און וואָס דיר דוכט
אַז עס איז אָט-באַלד שוין דאָ
אין דער שפּעטסטער אָוונט-שעה.

לאָיאַליסטן — אויף דער וואָר,
זעסטו אין דיין דמיון קלאָר.
און דו פאָלגסט זיי נאָך אין קריג,
און דו פיבערסט נאָר מיט זיג.
אָבער דיר איז ניט באַשערט —
זיי צו זען אויף פרייער ערד. —

באַ דער מאַפּע שטייסטו שטום,
זעסט די וועלט אין שפּיגל — קרום,
און עס קאָכט אין דיר און זידט,
און אַ זעאונג אין דיר גליט,
און עס ווערט פאַר דיר באַלד קלאָר
וואָס צו טון מיט דיינע יאָר.

(ב)

ס׳גייט דאָס לעבן באַרג־אַראָפּ
און עס זעט דיר אויס — אַ גרוב.
גייסטו אום פאַרטראַכט און שטיל,
און דו זוכסט אין אַלץ אַ ציל . . .
אַלץ הויבט אָן דיר פאַלן שווער,
און דו זאָרגסט זיך מער און מער . . .
ביז דו גיבסט זיך אָפּ אין דינסט —
ווערסט אַ פּילאָט מיט פאַרדינסט — — — —

קריגסט אַ תּיקון אויף דאָס ניי.
און דו בליסט — אַ בלום אין מאַי.
זעסט די וועלט איצט פון דער הויך,
דורך כמאַרעס — וואָלקנרויך.
און דיר דוכט: די וועלט איז דיין,
ווען דו פליסט אין אָוונט־שיין
איבער וועלט־און־מענטש, העט ווייט,
און דו זעסט ווי פון אַ זייט
דעם געראַנגל אויף דער ערד
אונטער צייכן פון דער שווערד.

(ג)

דו יאָגסט זיך מיט אימפּעט
אַהין־און־אַהער,
עס פֿאַלט דיר דאָס פֿליען
ניט גרינג און ניט שווער.

דו קושט זיך מיט שטערן
אין לאַנד פֿון ניט הי.
ס׳איז ליב דיר און טייער
דיין זעט און דיין מי.

דו זיצסט באַ דעם רעדל
מיט שטאָלץ און מיט פֿרייד.
ס׳איז פֿרעמד דיר דער אומעט,
ס׳איז פֿרעמד דיר די לייד.

ביסט נאָענט צו דעם הימל
און ווייט פֿון דער ערד,
נאָר בלינד צו דעם גורל
וואָס דיר איז באַשערט.

יחזקאל בראָנשטיין

גורל

אין מיין וואַנדער אין די ספערן,
אין מיין פליענדיקן פּאַנצער —
פלעג איך דיך מיין מאַמע הערן:
קום מיין זון צוריק אַ גאַנצער . . .

אייביק פלעג איך פון דיר טראַכטן,
אין מיין האַרץ דיך תמיד טראָגן;
ווי אַן עמוד אש פלעגסט לייכטן,
ווען איך פלעג אין וועג זיך יאָגן

נאָך דעם שונא איבער ים׳ן
מיט דעם אימפּעט פון אַ קריגער,
וואָס וויל קיינמאָל זיך נישט צאַמען
און וואָס גאַרט בלויז זיין דער זיגער . . .

ביז דער שונא האָט באַהאָגלט
מיך אין פליענדיקן פּאַנצער,
און אויף תמיד מיך פאַר׳משפט
נישט צו קומען צ׳ריק אַ גאַנצער . . .

באַנאַכט

אין דעם חשך פון דער נאַכט,
זע איך דיך מיין יינגל קלאָר:
ס'איז דיין פּנים יונג און פריש
און עס בלענדן דיינע האָר.

דיינע אויגן שמייכלען מילד
און די ליפּן מורמלען וואָס,
אַז עס ציטערט אַזש דיין האַרץ
ווי אין ווינט דאָס שטילע גראָז . . .

זעסט זיך אין דיין זעאונג קלאָר
ווי אַ פּילאָט אין דער לופט,
און דו פרייסט זיך און דו גאַפסט
אַז דו פיבערסט אַזש און רופסט:

„— מאַמע מיינע, זע — איך פלי!״ —
דו ביסט גליקלעך אין דיין שלאָף . . .
פּלוצים וואַקסט דיין מאַמע אויס
באַ דיין בעטל, אויף דיין רוף.

און זי צערטלט דיך און וויינט
אויף דעם גורל פון איר זון,
און עס דוכט זיך איר — זי מיינט:
ס'איז פאַרלוירן שוין איר זון . . .

וועק מיך ייִנגל

וועק מיך ייִנגל,
וועק פון שלאָף;
זאָל דיין אומקום
זיין מיין שטראָף . . .

פיר מיך, פיר מיך
באַ דער האַנט,
צו דיין וויטן
אומקום־לאַנד.

נעם מיך, נעם מיך
מיט־זיך מיט.
לאָז, איך בעט דיך —
דאָ מיך ניט . . .

קום מיין ייִנגל,
אייל זיך, קום! —
איז מיין תפילה
צו דיר שטום . . .

קום, דערהויב מיך
צו דיין הויך,
לאָז מיט־דיר מיך
פאַלן אויך . . .

קום, דערלייז מיך
פון מיין פיין,
ייִנגל גוטער
שיינער מיין . . .

ווי אַ קינד צווישן קינדער

ס׳איז דער טומל ווי פאַרגליווערט
אין דער לופט געבליבן הענגען
אויף אַ הינטערגרונד וואָס שימערט
און וואָס לאָזט זיך לאַנג געדענקען.

ס׳איז די טיר געבליבן אָפן
און דעם ווינט אין הויז פאַרבעטן,
האָט ער זיך אין הויז פאַרקליבן
און גענומען אַלץ דאָ גלעטן . . .

איז אַ גלאָז זיך אומגעפאַלן
און אַ פאָרהאַנג זיך צעבלאָזן,
האָט דער מאַמען זיך גע׳חלומ׳ט
גאָר אַ פעלד מיט גרינע גראָזן . . .

און די קולות פון די קינדער
ווי די גלעקלעך קלינגען, קלינגען —
און פון־זיך־אַליין עס הערט זיך
אַזאַ כישופדיקער זינגען . . .

און די מאַמע זעט אַליין זיך
ווי אַ קינד צווישן קינדער,
און זי טאַנצט און זינגט און פרייט זיך
מיט דער פרייד פון אירע קינדער.

פון אַ מאַמעס טאָג-בוך

דיין פּנים ברענט אין מיין זכרון
ווי דער דאָרנבוים אין מדבר,
מיט ווייטיק פּרואוו איך דיך געבוירן
אין מיין דמיון ווידער, ווידער . . .

כ'פלי מיט דיר אין הויך פון רוימען,
אין זילבערנעם פאַנצער — דיין קבר.
איך לאָז פון דעם ים זיך פאַרשווימען,
פאַרפּרירן אין זיך יעדן אבר . . .

איך זוך דיך מיט ווייטיק אָן אויפהער
און קען דיך שוין מער נישט געפינען,
מיין לעבן אָן דיר, פאַרשוועכט איז און שווער,
עס האָט אינגאַנצן נישט קיין זינען . . .

פאַרקירץ ניט מיינע יאָר —

איך וויל זיך נישט געזעגענען,
איך קען ניט זיין אָן דיר;
אָ וואָס עס זאָל דאָ ניט געשען,
איך בעט דיך: בלייב מיט מיר.

איך וויל ניט בלייבן דאָ אַליין,
איך בין אויף דעם ניט גרייט;
דו ביסט בא מיר נאָך אַלץ אַ קינד
וואָס האַלט זיך בא מיין קלייד . . .

עס אַרט מיך ניט וואָס דו ביסט גרויס —
כמעט אַזוי ווי איך!
איך וויל דיך האַלטן אויף מיין שויס,
וויגן און פאַרוויגן דיך . . .

איך וויל זיך נישט געזעגענען,
מיין זונעלע — ניט פאָר!
אָ לאָמיר זיך ניט שיידן איצט —
פאַרקירץ מיר ניט די יאָר! . . .

מיין זונעלע דו מיין —

מיין קינד אויף דיינע הענט,
און איך אַנטקעגן דיר.
די זון — זי שיינט און בלענדט
די אויגן, דיר און מיר.

דיין מאַמע בײַ דער זייט,
מיט אויגן שטיל פאַרטרערט.
עס וויינט דאָס האַרץ און שרייט:
אַזוי איז מיר באַשערט!

אַט ערשט ביסטו געווען
ווי ער — אַ קינד אין וויג.
נאָר איצט — אָ זע אַליין —
דו ביסט אַ מאַן פון קריג . . .

עס פּאַסט דיר דער מונדיר —
ביסט יונג און שיין און הויך!
נאָר איך, אַליין אָן דיר —
מיר הויבט זיך אַזש דער מח . . .

איך וויים מיין זון, איך וויים —
וועסט קעמפן ווי אַ העלד.
נאָר מיר איז קאַלט און היים,
זאָל זיין ווי דיר געפעלט . . .

צווישן טאָג און נאַכט

גערענק, מיין זון, געדענק:
איך וואַרט אויף דיר און וואַרט.
מיין לעבן — דיר איך שענק,
איך וויל ניט זיין געגאַרט . . .

קום גיך מיין זון צוריק,
איך קען אָן דיר ניט זיין;
ניטאָ אָן דיר קיין גליק,
מיין זונעלע דו מיין . . .

ווײַן נישט מאַמע —

אָפּטמאָל רעד איך צו דעם ים,
ווי ער וואָלט אַ מענטש געווען:
זאָג, איך בעט דיך, זאָג מיר ים,
צי האָסטו מײַן זון געזען?

אפשר ווייסטו וואו ער איז,
סתּם מיט ווער ער צי אַליין;
זאָג, דעם אמת נישט פאַרהויל —
בעט אַ מאַמע מיט געוויין . . .

זאָג, צי איז ער נאָך אין וועג,
אין זײַן פאַנצער אין דער לופט?
הערסטו נישט צומאָל, איך פרעג —
ווי אַ שטימע ווײַנט און רופט?

זאָג, איך בעט דיך, זאָג מיר ים,
בעט אַ מוטער דיך מיט בלוט:
לעבט מײַן זון נאָך ערגיץ וואו,
צי בײַ דיר אין שוים ער רוט?

— — — — — — — — — — —

ס׳רוישט דער ים מיט ווײַסן שוים,
און פאַרשלינגט אַ טרער נאָך טרער.
ס׳הערט פון ווײַט אַ קול זיך קוים:
ווײַן נישט מאַמע, ווײַן נישט מער . . .

דו, מיין טאַטע, דו . . .

ווייַן נישט טאַטע אויף מיין גורל,
טראַכט פון מיר בלויז אין דער שטיל.
ווער עס טראָגט מיך אין זיין הארצן,
דעם באַזוך איך — ווען ער וויל . . .

און איך ברענג אים ווייטע גרוסן,
און איך נעם אים מיט-זיך-מיט
אין די ווייטן פון די רוימען
וואו עס זעט אונדז קיינער ניט . . .

און מיר חלומ'ן צוזאַמען
פון אַ לעבן אָן אַ סוף,
און מיר קלעטערן אָן אויפהער,
אָן אָן אויפהער — באַרג-אַרויף.

ביז מיר קומען אָן באַשיידן
אין דעם לאַנד פון ליכט און רו.
און מיר בלייבן אין גן עדן,
איך און דו, מיין טאַטע, דו . . .

די לעצטע תפילה פון אַ פאָטער

נעם-מיך-מיט מיט-זיך אין קבר,
לאָז מיך נישט אַליין! —
שווידער איך מיט יעדן אבר,
מיט אַ בלוט-געוויין.

וויקל-אויף פאַר מיר דיין פּנים
און דיין הארץ באַוויז,
נויג איך צו דער ערד מיין פּנים
באַ דעם קריעה-רייס . . .

זאַמל-איין מיך אין דיין שאָטן,
מיין געביין לייז-אויף! —
איז די תפילה פון דיין טאַטן
באַ דעם ליכט פון סוף . . .

איך — דיין פאָטער

יינגל גוטער,
זע־און־הער:
איך — דיין פאָטער,
דיך באַשווער!

קום, באַווייז זיך
אין מיין הויז,
שטאָלץ און ליכטיק,
הויך און גרויס . . .

קום, דערהויב מיך
פון מיין נויט.
יינגל גוטער —
זיי נישט טויט! . . .

יינגל גוטער

קום באַוויַיז זיך כאָטש אין חלום,
יינגל גוטער — דו.
זאָל זיך דוכטן: דו ביסט ווידער
יינגל גוטער דאָ.

גיב דיין האַנט מיר, גיב, איך בעט דיך,
יינגל גוטער — דו.
און דיין שמייכל שענק מיר ווידער —
קער מיר אום מיין רו . . .

קום, באַוויַיז זיך אויף אַ רגע,
זאָל געשען אַ נס:
נעם פאַר זיך אַוועק מיין לעבן —
איך וויל זיין דער מת . . .

מיין זון — מיין חלום

דער באַגינען רייסט מיך אויף מיט וויי:
נעם דיין שטעקן, לאָז אין וועג זיך — גיי!
ריים־אויף די זון, זע — דעם טאָג צעבלענד,
און דיין פּנים — צו דעם מזרח ווענד.
און ווען דו טרעפסט נאָר אָן אין וועג —
שטעל באַלד אים אָפּ, אויף גיך באַ אים פרעג:
צי ווייסט ער און צי האָט ער געהערט
פון דעם, וואָס דיין טרויער בלויז ער מערט.

פאַרברען הינטער זיך אַ יעדע בריק,
אויף נישט צו קענען קומען צוריק —
און שפּאַן פאָראויס מיט זיכערע טריט,
און זיי געוואַגט — און וואַקל זיך ניט,
און מייד נישט אויס די ערגסטע געפאַר
אין שווערסטן וועג פון כולו צער —
ריים־אויף די ערד, דעם הימל שטורם! —
לעב־אויף צוריק מיין זון, מיין חלום . . .

דער גאַסט

דער טיש איז גרייט
און אַלץ איז דאָ.
די שעה איז שפּעט,
דער גאַסט — נישטאָ...

די אומרו שפּאַנט
און איך מיט איר.
מיין הארץ — עס אַנט
וואָס ס'איז מיט דיר...

דער זייגער שלאָגט
די שפּעטסטע שעה.
מיר דוכט: עס טאָגט —
וואו ביסטו, וואו?...

מיין חלום

מיר האָט זיך געחלום׳ט
מיר גייען אין גאַס,
דיין פּנים איז אַנדערש
ווי נעכטן — גאָר בלאַס . . .

מיר גייען און ריידן
און שווייגן אַ צייט.
איך פיר באַ דער האַנט דיך
און דאָך ביסטו ווייט . . .

דער הימל ווערט גרויער
און שטילער דיין שפּאַן.
ביסט דוכט זיך אַ יינגל,
און זע: — גאָר אַ מאַן! . . .

דער רוקן געבויגן,
די אויגן פאַרטראַכט.
דער טאָג — גאָר אַהינטער,
פאָראויס גאָר — די נאַכט! . . .

מיר גייען אַזוי זיך
אַהין און אַהער,
איך אַן און באַנעם דיך
און זע דיך נישט מער . . .

אַט ביסטו אַ וואָלקן
און אַט — גאָר אַ בוים.
איך אָן און באַנעם דיך
און הער דיך קוים, קוים . . .

ביז ענדליך איך כאַפּ זיך,
דער אייביקער נאַר! —
מיך נאַרט נישט מיין חלום
און גרויס איז מיין צער . . .

אָן דיר, אַליין . . .

כ'האָב קיינמאָל ניט פאַרגעסן
אין דיר, אין דיין געביין,
ביים שלאָפן און ביים עסן,
ביים אויפגאַנג און פאַרגיין —

כ'האָב אַלעמאָל געזען דיך
אַ מוטיקן אין שפּאַן,
איך זע דיך אויך אַצינדערט —
דו ביסט אין האַרץ פאַראַן!

איך רייד צו דיר דאָ תמיד,
ווי דו וואָלסט דאָ געווען! —
איך וואַרג זיך מיט דעם אומעט
פון זיין אָן דיר, אַליין . . .

צווישן טאָג און נאַכט
באַם ראַנד אַליין,
עס יאָמערט און וואַכט
ווער, אומגעזען —

אויף פליגל פון ווינט
שטיל און פאַרשעמט,
אויף גורל פון קינד
וואָס קלעמט, וואָס קלעמט . . .

דיין קול

עס וועקט מיך דיין קול
באַנאַכט פון שלאָף,
אין חשך פון נאַכט
איך הער דיין רוף.

איך זע דיך ייִנגל
פון ווייט אַליין,
איך ברען מיט ווייטיק
און שטום־געוויין . . .

מיין האַרץ פאַרגייט זיך
אין אַנגסט און פּיין,
און טיילן ווילט זיך
דעם גורל דיין . . .

מיין האַרץ

אָפּטמאָל הער איך דיינע טריט
און איך זע דיך פון דער ווייט:
קום, איך בעט דיך, מיט מיר מיט —
הער איך ווי אַ שטימע שרייט.

קום און זע מיך ווייט און הויך,
אין דער שליחות פון מיין לאַנד;
ווי איך שלאָג זיך דאָ מיט כח
און מיט וויסן און פאַרשטאַנד.

קום און ברענג מיר אויך אַ גרוס
פון מיין טאַטע־מאַמע, — קום!
מיין באַרוף איז: פליען, כ'מוז! —
הער איך איבער מיר אַ זשום. —

ס'שטעלט זיך אָפּ מיין האַרץ, איך שווער —
און עס פרירט אין מיר מיין בלוט,
ווען אַן עראָפּלאַן איך הער
און איך זע דאָ אָפּט אין שטאָט . . .

און עס פינצטערט מיין געמיט,
און איך ווייס נישט וואו איך בין;
ביז איך הייליק דיך אין ליד,
וואָס באַ'פנימ'ט זיך מיט זין . . .

באַם אויפברוך פון טאָג —

באַם אויפברוך פון טאָג, באַם ים, אַליין —
הער איך גאַנץ אָפּט פון ווייט אַ געוויין . . .

מיין קאָפּ איך פאַרריים צום הימל, הויך —
און זוך מיט נייגער אין וואָלקנרויך,

אַ צייכן פון דעם וואָס איז געווען
און לאָזט פון קיינעם זיך מער נישט זען . . .

עס וואַנדערט מיין בליק אַהין און אַהער,
מיט ווייטיק איך אָן, איך שפּיר און איך הער

פון ערגעץ אַ קול, וואָס רופט און וואָס שרייט
צו מיר בלויז אַליין פון נאָענט און פון ווייט. —

איך שטיי אומבאַהאָלפן, שטום און אַליין.
איך וואַרט אויף אַ נס, וואָס וויל ניט געשען . . .

ווי אין זון אַ צאַרטע רויז —

אין דער רחבות פון דיין הויז,
זע איך דיך אין פולער גרויס:
פולע ליפּן, ווייסע ציין.
ברוינע אויגן — זוניק שיין.
און אַ פּנים — צאַרט און קלאָר,
מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר.

דו באַוועגסט זיך ראַש און פלינק
ווי אַ אָדלער, רייצנד, גרינג,
צווישן טאַטע־מאַמע דאָ,
יעדן טאָג און יעדע שעה,
אין דיין וואַקסן — הויך און ברייט —
יונג און שיין, געזונטערהייט.

דאָ אין הויז און אויך אין שול —
איז דאָס לעבן מיט דיר פול.
ווער עס זעט דיך — גרויס־און־קליין,
דער געדענקט און וויל דיך זען,
אין דיין אויפבלי — צאַרט און גרויס,
ווי אין זון אַ צאַרטע רויז.

יאָסל

דו גייסט אַרום אין הויז ווי תמיד,
עס ברענט דער דיל דאָ אונטער דיר;
עס איז דיין לעבן אַ נר תמיד,
און גוט איז אונדז צו זיין מיט דיר.

עס איז דיין טראָט אונדז ליב און טייער,
מיר היטן דיך ווי אויג אין קאָפּ;
דיין לעבן איז פון סנה דאָס פייער,
וואָס לויכט פון דיר צו אונדז אַראָפּ.

עס פרייט זיך יעדער מיט דיין לעבן
וואָס רוישט דאָ אייביק מיט געזאַנג,
און גרייט איז יעדער זיך דאָ געבן
פאַר דיר, וואָס שפּעטיקסט זיך אין גאַנג

פון דיין שליחות אין די ספערן
פון אַ ווייטן און פרעמדן לאַנד;
און גרייט איז יעדער אויך דאָ גערן,
פאַר דיר זיך שניידן רעכטע האַנט . . .

י ח ז ק א ל ב ר אָ נ ש ט י י ן

דו לעבסט, דו ביסט דאָ —

אויף בראָדוויי, דער גאַס —
מיר גייען אַרום.
דיין פּנים איז בלאַס
און צאַרט ווי אַ בלום.

מיר גייען אַזוי
באַשיידן און שטיל;
דאָס לעבן איז גרוי
און לעבט ווי עס וויל . . .

עס שטייט ווער און וואַרט
אויף דיר וואו אַליין.
דיין גורל מיך אַרט —
מיך שטיקט אַ געוויין . . .

אָט באַלד שלאָגט די שעה,
און איך בלייב אַליין.
ביסט דאָ — און נישטאָ —
ווי גאָרניט געווען . . .

איך זע דיך פון ווייט,
איך הער דיך נאָך קלאָר.
דיין לעבן — עס שרייט
צו מיר אויף דער וואָר.

צווישן טאָג און נאַכט

עס טונקעלט אַוועק
דער טאָג אין זיין גאַנג,
איך שלעפּ זיך אין וועג
אַ מידער און קראַנק . . .

ביז ענדליך איך פאַל
אַוועק בײַ מיין הויז,
איך שעלט גאָט און גאַל
פון זיך אַלץ אַרויס . . .

ס׳פאַרשלינגט מיך די נאַכט
אין שאָטן פון רו.
איך זע דיך און טראַכט:
דו לעבסט, דו ביסט דאָ! . . .

יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע —

יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע,
וואו ביסטו אַוועק?
קום, דערציייל דאָס מעשה'לע
פון דיין פלי אין וועג.

קום, איך בעט דיך, יאָסעלע,
קום אַהער צוריק!
קום, באַלעב דאָס מעשה'לע
פון דיין פרילינגס-גליק.

יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע,
קום צוריק אַהער;
ס'איז מיין לעבן דאָ אָן דיר
ביטער מיר און שווער!

יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע,
קום, באַווייז זיך גיך!
דו אַליין דאָס מעשה'לע
און אינמיטן — איך!

דו און איך מיין יאָסעלע —
ווי אַמאָל, אַמאָל!
איך — דער נאַר דער גרויסינקער,
דו — אַ קינד פון שול.

צווישן טאָג און נאַכט

ביידע שטיפן מיר אַרום
באַם קאַסינאָ־שפּיל.
דיינע אויגן לאַכן פרום
ווען כ׳געווין באַ דיר.

און די שוועסטער דיינע, קליין —
שטיפן מיט אונדז מיט;
ווער עס איז אי קלוג אי שיין,
לאַכט און שפּילט גאָר ניט . . .

פרייליך איז באַ דיר אין הויז —
ס׳איז אונדז אַלע גוט!
יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע,
צ׳ריק קום די מינוט . . .

יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע,
וויי איז מיר און ווינד!
דו אַליין דאָס מעשה׳לע,
יונג און שיין — אַ קינד.

קום צוריק מיין ליבינקער —
לאָז מיך ניט אַליין!
קראַנק בין איך פון וואַרטן דאַ,
עלנט ווי אַ שטיין . . .

הויך און ריזיק ווי אַ פּאַלמע —

לאַנגע פּיס אין לאַנגע הויזן
און צום לייב אַ ווייכע העמד,
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן —
זעלטן ווען די האָר פאַרקעמט.

ברייטע פּלייצעס, ברוינע אויגן,
מיט אַ פּנים — ליכטיק שיין.
הויך און ריזיק ווי אַ פּאַלמע —
דאָס איז יאָסל דאָ געווען!

תמיד טעטיק — שטיל און זיכער.
אייביק רואיק — ציכטיק ריין.
ניט געיאָגט זיך, קומט מען גיכער —
איז דאָ זיין דעוויז געווען.

פון באַגינען ביז באַגינען,
זיך באַוועגט מיט רייץ און חן.
בלויז מיט אַרבעט זיך פאַרנומען —
דאָס איז יאָסל דאָ געווען.

פולע ליפּן — משה-לייביש,
און ער לאַכט מיט ווייסע ציין.
שיין און פּשוט, ליב און היימיש —
דאָס איז יאָסל דאָ געווען.

באַ דיין בילד, אַליין, אַליין —

קעגנאיבער מיין צוקאָפּנס
אויף דער מזרח־וואַנט פון הויז,
זע איך דיך אַ לאַכעדיקן
אין דיין פולער לעבנסגרויס.

אַלע נאַכט ווען איך גיי שלאָפן,
זעטיק איך זיך מיט דיין בליק,
און אין שלאָף איך הער אַ רופן
ווי דו וואָלסט מיך רופן צ׳ריק.

שטיי איך אויף און זע דיך ווידער
ווי דו שמייכלסט קלוג און שיין,
און איך זינג דאָ מיינע לידער
אין דער נאַכט צו דיר אַליין.

ביז איך פאַל אַוועק אַ מידער
מיט דעם בלייער אין דער האַנט,
און אין שלאָף איך זע דיך ווידער
אויף דיין בילד דאָ אויף דער וואַנט.

ביז עס וועקט מיך דער באַגינען
מיט זיין צויבער און זיין חן,
טו איך ווידער זיך געפינען
באַ דיין בילד, אַליין, אַליין.

יחזקאל בראָנשטיין

דיין בילד

דיין בילד ווי אַ שמירה
באַ מיר אויף דער וואַנט,
איך זינג צו דיר שירה
באַ אונדז דאָ אין לאַנד.

פון אָוונט ביז אָוונט,
טאָג-אוים און טאָג-איין —
איך זינג פון דיין יוגנט,
פון לעבן פון דיין.

איך זע דיך אַ נאָענטן,
ווי ערשט אָט געוועזן;
אַ בוים אין מיין גאָרטן —
ווי רייף און ווי שיין!

איך רייד צו דיר תמיד
מיט ליד און געזאַנג,
עס שטיקט מיך אַ אומעט
וואָס מאַכט מיך אַזש קראַנק . . .

צו זען דיך אַ ווייטן
באַם ראַנד פון אין סוף,
אַ מענטש פון פאַרצייטן
וואָס שטייט מער נישט אויף . . .

דו —

ווער ס׳האָט זיין לעבן אין טומאה געבאָדן,
ווער ס׳האָט פון זינד אַ טוגנט געמאַכט;
דו ביסט מיט תמימות געוועזן איבערלאָדן,
מיט גאַל פון שקר זיך אויסגעלאַכט.

דיין טראָט איז געווען געמאָסטן, געוואויגן,
האָסט תמיד געשפּאַנט אַליין, פאָראויס;
האָסט תמיד געהאַט אין קאָפּ דיינע אויגן,
גע׳חלומ׳ט פון אַלץ וואָס שיין איז, גרויס.

ס׳האָט דיך דיין אומרו מיט אימפּעט געטריבן
צו שטעלן אין קאָן וואָס דו האָסט פאַרמאָגט,
מיט אייגענער האַנט האָט דיין גורל געשריבן
נאָך איידער דיין לעבן האָט אויפגעטאָגט.

און גלייך באַ דעם אויפבלוי פון דיין באַגינען,
ווען ס׳האָט צו דיר געוואונקען דאָס גליק,
האָט דיך אומגעריכט דער טויט וואו געפונען,
ביסט קיינמאָל ניט מער געקומען צוריק . . .

דיין האַנט און קול —

עס שטרעקט זיך צו מיר אַ האַנט פון דער ווייט.
עס רופט מיך אַ קול וואָס דונערט און שרייט,
און וועקט מיך פון שלאָף מיט האַרץ און געוויין:
לאָז מיך נישט ברודער דאָ זיין מער אַליין! . . .

ס'איז קאַלט דאָ און פינצטער, אייביק איז נאַכט.
קיינער דאָ ווײנט ניט און קיינער ניט לאַכט.
און כ'ווייס ניט פאַרוואָס ס'איז מיר גאָר באַשערט
פאַרוואָגלט צו זיין פון הימל און ערד.

כ'רייב אויף די אויגן, איך קוק זיך אַרום.
אַ שאָטן באַוועגט זיך, קוקט אויף מיר שטום.
און באַלד ווידער הער איך פון ווייט אַ קול:
צי ווערסטו מיך ראַטעווען, זאָג, צומאָל?! . . .

דיין באַגינען —

עס לויכט דיין באַגינען
פון ווייט צו מיר,
חלומות זיך שפּינען —
פון מיר צו דיר.

איך זע דיך אַ זשוואַוועַן
פון נאָנט און ווייט,
אַ גרויסן, אַ בראַוון —
דאָ באַ מיין זייט.

דו מאָלסט זיך אין דמיון
אין זון און ליכט,
דיין חכמה איז טרעפליך
און — אומגעריכט.

איך זע דיך שפּאַנען
אַהין, אַהער,
ס'איז קיינמאָל פאַר דיר
קיין זאַך צו שווער.

דיינע יונגע פּלייצעס
טראָגן די לאַסט
פון אַ שווערן לעבן,
וואָס שפּאַנט מיט האַסט

יחזקאל בראָנשטיין

אַריין אין דעם מאָרגן
פון שווערע טעג,
באַלאָדן מיט זאָרגן
פון לאַסט אין וועג.

דו קנעטסט ווי אַ טעפּער
פון ליים אַ טאָפּ,
דעם אחרית פון שפּעטער
אין יונגן קאָפּ.

דו וואַנדערסט מיט אימפּעט
צו ווייטן ציל
איבער וועג מיט דערנער
גרויסע און פיל.

און ווען עס איז נויטיק —
פאַרברענסט די בריק,
אויף קיינמאָל ניט קענען
קומען צוריק . . .

. . . צינד-אָן אַ ליכט אין אָוונט-שפּעט
און הייליק-זיך מיט אַ געבעט
פֿאַר דעם וואָס איז שוין מער נישטאָ,
אין אָט דער שפּעטער אָוונט-שעה . . .

מיין געבעט

פּראַל-אויף מיין טיר
און קום-אריין,
עס וואַרט אויף דיר
מיין קרוג מיט ווייַן.

מיין טיש איז גרייט
און אויך מיין ליד.
דער טאָג — ניט שטייט,
און איך בין מיד.

באַוויַיז זיך גיך,
קיין קשיות פרעג —
שטויב־אָפּ פון זיך
דעם שטויב פון וועג.

און וואָס דו זעסט —
ס'איז אַלץ פאַר דיר!
נישטאָ קיין געסט
שוין מער בײַ מיר . . .

איך וואַרט, איך וואַרט
אויף דיר אַליין,
ניט זיין געוואַרט —
איז מיין געוויין.

קום גיך צוגיין,
מיין האַרץ דערהויב —
דיך ווידער זען
און שטאַרבן — גלויב,

איז אַלץ וואָס כ'וויל
און — גאָרניט מער,
בײַם סוף פון טאָג
איך שווער, איך שווער . . .

יחזקאל בראָנשטיין

גיי שוין קיינמאָל ניט צוריק

אין אַ שפּעטער שעה ביינאַכט
הערט אַ קלאַפּ זיך אין מיין טיר,
איבער מיר אַ שאָטן וואַכט,
פרעגט צי ס׳קומט אַ גאַסט צו מיר.

קיינער הערט ניט, קיינער זעט
ווי עס שאַרט זיך ווער אריין
אין מיין צימער אַזוי שפּעט
און פאַרשלינגט מיך אין זיין פּיין . . .

יינגל־פּנים, ווי געוועזן —
אין לבנה־שיין פאַרבלאַסט,
לאָזט זיך ווידער איצט דאָ זען
ווי אַ ווייטער, ווייטער גאַסט . . .

כ׳ווייס ניט צי כ׳בין וואַך צי ניין,
צי עס נאַרט מיך ניט מיין בליק —
לאָז מיך יינגל ניט אַליין,
גיי שוין קיינמאָל ניט צוריק.

אין שטורם ביים ים

דער ים איז שוואַרץ און שטורמדיק,
ער ברויזט און יאָגט זיך טורמדיק
און שלאָגט מיט האַסט זיך אָפּ באַם ברעג
און לויפט מיט אימפּעט באַלד אַוועק,
און קומט מיט שוים באַלד גלייך צוריק
און וואַסערט־אָפּ מיט בריאַזג אַ זיג.

די נאַכט איז בלינד און שטום און שוואַרץ
און פילט מיט מורא אָן מיין האַרץ.
איך שטיי באַם ים אַליין, אַליין.
איך הער פון ווייט אַ הויך געוויין.
מיין אומרו יאָגט מיך ווייט אַוועק.
איך שפּאַן מיט האַסט דאָ באַ דעם ברעג.

איך זוך מיט שרעק אַ שפּור פון דעם
וואָס איז ניט לאַנג דאָ ערשט געווען.
איך לאָז פון ווינט זיך פּאַטשן פריי
און שפּאַן פאָראויס מיט אים אויפסניי,
ביז ס'שטילט זיך איין דער ים אַליין
און אַלץ בלייבט ווידער ווי געווען . . .

יחזקאל בראָנשטיין

דער בוים —

אין דעם וואַלד פון מיינע יאָר
בליט אַ בוים אַ שיינער.
קיינער איז צו אים נישט גלייך —
קיינער, קיינער, קיינער.

ס'איז דער בוים מאַסיוו און הויך,
צווישן אַלע — איינער.
קיינער איז צו אים נישט גלייך —
קיינער, קיינער, קיינער.

טאָג־און־נאַכט ער בליט און גרינט
צווישן בערג און שטיינער.
קיינער איז צו אים נישט גלייך —
קיינער, קיינער, קיינער.

שטומקייט —

ס'איז אַ שטומקייט מיך באַפאַלן
און פאַרשאַרפט מיר מיין געהער,
איך האָב דיך געזען אין פאַלן
און אין שטייגן גלייך, איך שווער.

ס'האָט אַ שרעק מיך דאָ באַנומען,
מיין שטומקייט האָט הויך גערעדט —
כ'האָב געזען פון ווייט דיך קומען
און פאַר דיר געגרייט מיין בעט.

ס'האָט דיין פנים אויפגעלויכטן
מיט דער שנעלקייט פון ראַקעט.
כ'האָב געזען דיך אַ דערהויכטן,
און פאַרשעמט געהערט: ס'איז שפּעט . . .

יחזקאל בראָנשטיין

אבלות —

טו זיך אוים די שיך און זאָקן
און באַדעק מיט אַש דיין קאָפּ,
צייט פאַר דיר צו זיין אַ זקן
און צו גיין שוין בארג־אַראָפּ — — — —

צי אַרונטער די ראָלעטן
און דיין שפיגל קער גלייך אום,
וואַרף אַרוים פון הויז די בעטן
און בלייב זיצן טויב און שטום.

עפן־אויף דעם קוואַל פון טרערן,
און דיין האַרץ צעריים, צעריים;
אפשר וועט דיר גרינגער ווערן
און עס וועט פאַרגיין דיין כעס.

ביז דער טויט וועט דיך ניט שרעקן
און פאַרטריקענען דיין טרער,
און די ערד וועט דיך פאַרדעקן
נישט צו קומען צ׳ריק אהער.

איך זע דיך מער נישט קומען —

שפּעט באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפן,
הער איך ווי פון ווייט אַ רופן:
„טאַטע מיינער, איך בין דאָ!" . . .
איבער מיר — איך הער אַ זשומען
און מיר דוכט: איך הער דיך קומען
אין דער שפּעטסטער שפּעטער שעה . . .

איך רייס די אויגן מיינע אויף
און קוק מיט ווייטיק הויך־אַרויף:
„צי וועט מיין פרייד באַלד קומען?" —
עס פּאַטשן פליגל איבער מיר
וואָס ברענגען גרוסן מיר פון דיר —
„צי נאַרט מיך נישט דער זשומען?"

אַ שטערן לייכט צו מיר אַראָפּ,
עס עפנט זיך פאַר מיר אַ גרוב —
איך הער נישט מער קיין זשומען! . . .
עס שטומט די נאַכט און איך מיט איר
און ווידער בלייב איך דאָ אָן דיר —
איך זע דיך מער נישט קומען . . .

יחזקאל בראַנשטיין

קדיש

אין דעם טאָג פון דיין פטירה
ווינטש איך זיך דעם טויט אַליין,
כ'היט דיין אָנדענק ווי אַ שמירה
וואָס איך היילִיק מיט געוויין.

כ'גיי אַרום ווי אַ צעדולטער
און איך ווייס נישט וואו איך בין;
ס'איז מיר אַלץ אַרום דערווידער,
ס'האָט קיין זאַך נישט מער קיין זין . . .

כ'קען קיין אָרט זיך נישט געפינען,
און עס איז מיר פרעמד די רו;
כ'פיל, עס רירט זיך מיר מיין זינען,
באַם געדאַנק: ביסט מער נישטאָ . . .

כ'לאָז זיך פון מיין אומגליק פירן,
ווי אַ שולדיקער צום טויט;
איך פאַרשלים זיך הינטער טירן,
ביז צום מאָרגנליכט וואָס גרויט . . .

יזכור

צינד-אָן אַ ליכט מיט אַ געבעט
פאַר דעם וואָס שווייגט און קיינמאָל רעדט . . .

און רוף-אַרויס-אים אין געדאַנק,
און רעד צו אים אָן ווערטער, לאַנג . . .

און לאָז פון קיינעם זיך נישט זען,
און לייז-זיך-אויף אין פּיין אַליין . . .

אַ זע דעם אָנדענק נישט פאַרשוועך
פון דעם וואָס איז דיר ליב און נאָענט;
אַ לויב צו דעם וואָס איז גערעכט
און ווערט מיט ליבשאַפט אָפט דערמאָנט.

אַ זע דערהויב-זיך צו דער הויך
פון דעם וואָס האָט געגאַרט נאָך ליכט,
און האָט געבראַכט אַ קרבן זיך
און איז געפאַלן אומגעריכט . . .

צינד-אָן אַ ליכט אין אָוונט-שפּעט
און הייליק-זיך מיט אַ געבעט

פאַר דעם וואָס איז שוין מער נישטאָ
אין אָט דער שפּעטער אָוונט-שעה,

און לעב-אים-אויף אין-זיך אַליין,
און קלייד-אים-אָן מיט דיין געביין . . .

יחזקאל בראָנשטיין

אונטערגאַנג

ס'איז יאָסלען באַפאַלן אַן אומרו
וואָס האָט אים אײַנגאַנצן פאַרשלינגען,
זײַן לעבן האָט פּלוצים מיט אימפּעט
און בענקשאַפט גענומען זיך זינגען . . .

עס האָט אים די ווײַטקייט געצויגן,
דאָס לעבן מיט רייץ אים געפאַנגען;
ער איז ווי אויף פליגל געפלויגן
צום ריטם פון זײַנע געזאַנגען . . .

ביז ענדליך ער האָט זיך פאַראַנקערט
צום רודער פון זײַנע פאַרלאַנגען,
זײַן לעבן געבראַכט פאַר אַ קרבן
און ווײַטער שוין מער נישט געגאַנגען . . .

אַ נייער טאָג קומט אָן, קומט אָן —

דער ראַנדעוואו מיט דיר באַנאַכט
ווערט אָפּט פאַרשוועכט און אויסגעלאַכט . . .
מיר טרעפן זיך אי־ייאַ, אי־ניין,
און בלייבן אָפּט פאַרוואונדערט שטיין
אין שפּעטסטער שעה מיט אָפן מויל,
און גליווערן פאַר שרעק און גרויל . . .

און אָפּט געשעט מיט דיר אַ נס:
דו וואַרפסט אַראָפּ פון זיך דעם מת . . .
און קומסט צו מיר אין פלייש־און־בלוט,
און וועקסט אין מיר מיין פרייד און מוט.
און איך און דו שוין שפּאַנען דרייסט,
און ווערן באַלד פון נאַכט דערלייזט . .

די זון גייט אויף אינמיטן נאַכט.
און איבער אונדז — זי שיינט באַנאַכט . . .
און איך און דו — מיר שטיפן אום
אין זוניקן אַרום, אַרום.
און ביידע וואַקסן מיר דאָ אויס
צו סאַמער העכסטער הויך־און־גרויס . . .

עס עפנט זיך פאַר אונדז אַ פעלד,
פון פרייד און ליכט באַהעלט, באַהעלט —
און אַלץ וואָס לעבט פון גרויס ביז קליין,
זינגט־אויף מיט רייץ און אויך מיט חן.
אַ נייער בראשית שטעלט זיך איין
פאַר דיר און מיר, דו יינגל מיין . . .

ביז פּלוצים, אומגעריכט אַזוי —
עס שאַרט זיך דורך אַ שאָטן, גרוי —
און פאַלט אויף דיר און דעקט דיך צו,
און רויבט אַוועק פון מיר מיין רו . . .
עס לעשט זיך אוים די זון — ס'ווערט נאַכט.
מיר דוכט, איך הער: דער טייוול לאַכט . . .

. . . איך בלייב פאַרשעמט אַליין, אַליין,
און אַלץ בלייבט ווידער ווי געווען:
אַנטקעגן איבער מיר — דיין בילד.
און איך — פאַרצאָרנט, בייז און ווילד. —
עס הערט פון ווייט זיך קריי פון האָן:
„— אַ נייער טאָג, קומט אָן! קומט אָן! . . ."

יאָסל, קום צוריק אַהער...

היינט, ווי נעכטן, ווי אַלעמאָל —
אַצינד,
גייט-אויף אין מיר די זעאונג
אין אָנדענק פון אַ קינד —
פון אַ טאָג אַ ליכטיקן
אין חודש יון,
ווען דו האָסט מיך באַגעגנט
ווי די מאָרגן-זון
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן
און אַ טרער אין אויג,
מיך געוואַרימט מיט דיין אָטעם,
מיך געצערטלט מיט דיין בליק
און געגעבן אין מיר דעם חלום
פון דיין קומען באַלד צוריק . . .

צ ו ו י ש ן ט אָ ג א ו ן נ אַ כ ט

היינט, ווי נעכטן, ווי אַלעמאָל —
אַצינד,
טראַכט איך פון דיין קומען באַלד,
פון באַרג צו טאָל,
פון פעלד צו וואַלד;
פון שטאָט צו דאָרף,
פון אומעטום! —
איך וואַרט געדולדיק
און איך שטום,
איך וויין מיט בלוט
און רוף דיך:
ק ו ם!...

היינט, ווי נעכטן, ווי אַלעמאָל —
אַצינד,
זע איך דיך פון ווייטן
אויף די פליגל פון דעם ווינט;
איך זע דיך — יאָגן זיך און רייטן
מיט דעם אימפעט פון אַ קריגער,
וואָס איז גרייט מיט אַלץ זיך טיילן
פאַר דעם פרייז פון זיין אַ זיגער . . .
און כאָטש איך וויים: דו ביסט ניטאָ,
דו האָסט פאַרשפעטיקט שוין די שעה
פון קומען דאָ צוריק אַהער,
וואַרט איך אויף דיין קומען,
זאָג איך דיר און שווער —
און איך רוף דיך אָן ביים נאָמען:
יאָסל! קום צוריק אַהער . . .

אין דעם לאַנד פון רו —

מיר וועלן זיך ביידע
באַגעגענען וואו,
אַ קינד מיט אַ זיידע
וואָס גאַרן נאָך רו.

עס וועט אונדז ווער פירן
ווי קינדער באַם האַנט,
דורך אָפענע טירן
צום ליכטיקן לאַנד.

עס וועט אויף אונדז וואַרטן
די שכינה אַליין,
אין לאַנד דעם געגאַרטן
וואָס בלויט און איז ריין . . .

יאָ, פריער צי שפּעטער —
מיר וועלן זיך זען
באַם פאַלן פון בלעטער,
באַם לעצטן אמן.

אינהאַלט

לידער וועגן לידער

אַ ליד וועגן ליד 5
אַ ליד וועגן לידער 7
לידער 9
לידער מיינע 10
צו אַן אומבאַקאַנטן פאָלקס־דיכטער 11

צווישן טאָג און נאַכט

א ה א ס פ ע ר 15
מאַרטירער 16
אין דעם טאָג פון דיין גאולה 17
דו ביסט אַ ייד 17
זעלנער און באַנען 18
אין חלום לעב 19
אין שפּאַן 20
אני מאמין 21
מיר וועלן מער נישט שטאַרבן 22
אַלע מיתות 24
מיר איז שווער צו זינגען... 25
ממעמקים 27
מיר 29
דאָס געזאַנג פון אונדזערע טעג 30
פון נאַצי־לאַנד אַ גרוס 31
אין נעכט פאַרשוועכטע ... 33
מיין ליד 33
אויף די וועגן 34
פאַר אונדזער חרוב לעבן .. 34
אין לבנה־שיין ביינאַכט... 35
מיר באַוויינען נישט די טויטע 37
דיין צאָרן 38
באַ דעם אָפענעם קבר 39
דייטשלאַנד 40
דער מענטש 41
דער שאָטן 42
דער היינט 43
אין גרויע פרימאָרגנס 44
די טעג 45
ס׳וועט קיין רעגן היינט נישט גיין 46
וואָס טראַכט אַ מענטש... 47
ווי אַמאָל, אַמאָל 48
באַגינען 49
גיב מיר כח 51
ווינטער 52

אין אייגענעם קלעם

אין וועמענס זכות 55
דאָס ליד פון שיינקייט ... 56
דאָס ליד פון דעם תם 57
אַליין, אַליין 60
צווישן ביכער און מענטשן. 61
ייד און מענטש 62
פון דער פרעמד 64
מיין פרומע מומע סימע... 67
ווי ער 72
אַליין, אָן דיר 73
דיין ליכט 73
קדיש נאָך מיין טאַטן 74
מיין חבר מילער שטאַרבט. 75
איך זאָג נאָך דיר קדיש...... 76
מיין טויטער חבר 77
מיין מאַמע 78
באַ דעם אויפקום פון אַ דור. 79
מיין וויג־ליד 80
מיין קינד 81
קינדערלעך ווי דו 82
ווי פאַלמען אין זון 83
דו ביסט ווי איך 85
שעם זיך נישט טאָכטער .. 86
דיין טאָכטער און דו 87
אָוונט באַם ים 89
דער ים 90

מאַטראָסן באַם ים 91
מיין ליד 92
באַגינען 92
מיינע האָטעל־שכנים 93
פיפטה סטריט 94
הוירבי 95
אַ נס 98
מדבר 99
יאַן און יאַנע 100
דו ביסט נישט אַליין 102
זאָל דער שניי זיך פאַלן .. 103
אין זאַווערוכע 104
טו זיך אויס 105
דער גאַסט 105
געזאַנג פון דורות 106
איך דאַנק פאַר אַלץ 107

יאָסל

אין שאָטען פון דורות
(ערשטער אַריינפיר) ... 113
צום גאולה־טאַנץ
(צווייטער אַריינפיר)... 114
מיין ליד (דריטער אַריינפיר) 116
דיין נאָמען
(פערטער אַריינפיר) ... 117
אַמאָל איז געווען אַ ייִנגל
(מעשה־יאָסל) 119
גיב מיר כח 123
דאָס הויז 125
באַגינען 127
יאָסלס שבועה 128
יאָסלס נסיעה 129
אין אַ שפּעטער שעה 133
יאָסל 135
יאָסלס צימער 139
יאָסל ווערט אַ פּילאָט 141
גורל 144
באַנאַכט 145
וועק מיך ייִנגל 146
ווי אַ קינד צווישן קינדער.. 147
פון אַ מאַמעס טאָג־בוך ... 148
פאַרקירץ ניט מיינע יאָר .. 149
מיין זונעלע דו מיין 150
ווייַן נישט מאַמע 152
דו, מיין טאַטע, דו 153
די לעצטע תפילה פון אַ
פאָטער 154
איך — דיין פאָטער 155
ייִנגל גוטער 156
מיין זון — מיין חלום ... 157
דער גאַסט **158**
מיין חלום 159
אָן דיר, אַליין 160
דיין קול 161
מיין האַרץ 162
באַם אויפברוך פון טאָג ... 163
ווי אין זון אַ צאַרטע רויז .. 164
יאָסל 165
דו לעבסט, דו ביסט דאָ .. 166
יאָסל, יאָסיק, יאָסעלע 168
הויך און ריזיק ווי אַ פּאַלמע 170
באַ דיין בילד, אַליין 171
דיין בילד 172
דו 173
דיין האַנט און קול 174
דיין באַגינען 175
מיין געבעט 177
גיי שוין קיינמאָל ניט צוריק.. 178
אין שטורם באַם ים 179
דער בוים 180
שטומקייט 181
אבלות 182
איך זע דיך מער נישט קומען 183
קדיש 184
יזכור 185
אונטערגאַנג 186
אַ נייער טאָג קומט אָן ... 187
יאָסל, קום צוריק אַהער ... 188
אין דעם לאַנד פון רו 190

ציינכנונגען פון
מימי דיימאנדשטיין